STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04489

# SHTET

Malka Locker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לאָקער

# שטעט

פארלאג י. נאראדיצקי, לאנדאן
1942

# הקדמה.

ניט נאָר שטיינער, זאָכן דערציילן, ווענט האָבן אויערן און שטעט לעבן די דערשיטערנדיקע דראַמע פון זייער באַשטאַנד. עס איז געווען אין ניו־יאָרק, וואו די ריטמען פון דער מעכאַנישער תקופה האָבן זיך צוזאַמענגעס־מעסיק איינגעקריצט אין מיין געהירן; עס איז געווען אין ניו־יאָרק, וואו איך האָב געפּרוווט זיי צו געשטאַלטן, מיט זיי פאַרטיק צו ווערן — פון זיי אויסגעלייזט צו ווערן.

דעם שטויב פון ברייטן שליאַך אויף מיינע פיס האָב איך געוואַנ־דערט פון שטאָט צו שטאָט און בין ניט איינמאָל געשטאַנען פאַר אַ פאַר־חתמ׳עטן טויער מיט זיבן זיגלען.

דאָס איז אַ שווערער נסיון. די איבערלעבונג ליגט אויף דער נשמה ווי אַ שטיינערנער בלאָק פאַרן סקולפּטאָר... מיט טויזנט לאָקנ־דיקע מעגליכקייטן, מיט פּירונגען און פאַרפירונגען. מוז זיך דאָס אויער, דאָס אויג אינטענסיוו איינהערן, ביז די האַנט הויבט אָן פאָרמען, וואָס אַלע זינען האָבן נאָר וואָס פאַרנומען. דאָס איז אַזוי שיין ווי עס איז אומגעריכט.

עס איז דאָס געפּיל פון האָבן מנצח געווען, פון האָבן דערגאַנגען אַ סוד, פאַר וועלכן מ׳קען זיך ניט אויסהיטן, פון האָבן אויפגעלייזט אַ רעטעניש, וואָס פייניגט ביז גאָר, סיידן איר געפינט זיך באַשייד. ווי פאַר אַ יעדן פענאָמען שטייט מען פריער דערשלאָגן פון דער איינ־ציקאַרטיקייט, ניט פאַרשטייענדיק, אין וואָס דאָס איינציקאַרטיקע באַשטייט.

ניט פאַראַן קיין צוויי שטעט וואָס זיינען זיך גלייך, אַפילו אויב זיי זיינען געוואָרן אונטער די זעלביקע באַדינגונגען, אין דערזעלביקער תקופה, אונטער דעם זעלביקן קלימאַט. ענלעכע געביידעס, פאַרקס האָבן גאָר ניט וואָס צו זאָגן. זייער באַלד געפינט מען אויס, אַז יעדע שטאָט טראָגט אין זיך די מיסטעריע פון מענטשלעכן פנים און איר קענט פון איר צוגעצויגן אָדער אָפּגעשטויסן ווערן; זי האָט אין זיך די זינלעכע וואַרעמקייט פון אַ מענטשלעכן גוף, די טיפענישן און סכנות פון אַ מענטשלעכער נשמה. פאַראַן גאַסן־לאַבירינטן און גאַסן־רעכטעקן, פאַרשייטע און פרומע, אידיליש און העראָאישע; בריקן וואָס בינדן און אַזעלכע וואָס צושיידן. פאַראַן בית־עולמס. ניט נאָר יענע מקומות וואָס זיינען באַשטימט אויפצונעמען די מידע, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער

וועג—ניין, אַ ראַג פון גאַס, אַ מאַרק־פּלאַץ, אַ שול און אַ טויער ברענגט איך ניט איינמאָל צו דער ניט־פּעוונער אַנטפּלעקונג, אַז איר זייט ניט אַליין, אַז אַט ציען פאַר איך פאַרביי גאַנצע פּראָצעסיעס פון דורות, וואָס זיינען פאַרגאַנגען. אין יעדן ווינט־הויך, אויף יעדער צוברעקלטער מויער ווערט אַ זכר, אַ צוואה פון יענע, וואָס האָבן זיך געראַנגעלט, האָבן געליטן און אויסגעליטן פאַר אונז.

און דאָ פאַראַן קולות פון אַ שטאָט, האַסטיקע, אַפּגעריסענע, און יענער רואיגער שטראָם פון געזאַנג, וואָס איז געוואָרן איינגעהילט און אויפגעריסן פון מאָדערנע ריטמען פון טעכניק און פּראָגרעס.

און יענע וואָס האָבן האַלבערנאַכט געראַפן לעבודת הבורא..

און גלאָקן... דער ציטער און פּחד וואָס גלאָקן האָבן געוועקט. די פרומע פּראָצעסיעס מיט קרוציפיקסן אין די הענט און מיט געזאַנג פון אונזער תהלים אויף די ליפּן.

פאַר קלאַנגען פון שטעט האָב איך ממש מורא. קירקע זיצט אַלץ נאָך אין אַ שטיינערנער הייל און לאָקט מיט איר געזאַנג, די סירענע, וואָס פאַרכישופט יעדן וואָס האָט זיך איר אונטערגעגעבן, אין כל מיני גילגולים...

מ. ל.

לאָנדאָן, דעצעמבער, 1941.

# אין שטילע נעכט

אין שטילע נעכט, אין פרעמדע שטעט
בלאָנדזשע איך אָפטמאָל,
איינע אַליין.
אַ ווייסער שאָטן וויקלט זיך,
פּלוצים בלייבט ער שטיין.
וואָלקן ווייסע אין דער פרעמד
שטיקלען זיך און ווינקען,
לאָמפּן גייען שטיל אַנטקעגן,
שטעלן אָפּ זיך, זינקען.

אין שטילע נעכט, אין פרעמדע שטעט
לויפן גאַסן קרומע וועגן,
שלענגלען זיך אין לויף,
ציען איבער לאַנגע סטרונעס
און דערגייען צו אַ הויף...

אין שטילע נעכט, אין פרעמדע שטעט
שטייען הייזער, שטומע עדות,
אין שווייגן איינגעהילט,
טויערן ווייזן אַלטע שמות.
גאַנצע פּרשות דור־געשען,
שטיל פאַרצויבערט אין די סטריכעס
שטייען אויף צו חצות,
לאָזן זיך אין גאַס,
אין שטילע נעכט, אין פרעמדע שטעט...

## צייטן בייטן זיך

צייטן בייטן זיך, נאָר ניט די צייט,
וועגן וואַנדלען זיך, נאָר ניט דער וועג,
און איבערבייט איז ניט קיין איבערבייט
און קולות מישן זיך אינמיטן פון געיעג...

ס'איז אַ צייט צו בויען,
אַ שטיין צו לייגן צו אַ שטיין,
צו צעוואַרפן פאַראַן אַ צייט,
צו וועלן מיר דערגיין...?

נעם דעם גרויסן שטעקן, יוסף,
דער וועג איז האַמעטנע און לאַנג,
וועלדער וואַנדערן אין אַלע עקן
און מענטש און בוימער זינגען קראַנק...

## פּייזאַזשן

אײַנגעוואָרצלט אין דײַן זאַפּטיק־טונקלען גרונט
מײַן טריט און מײַנע טריבן,
טרעט מײַן שטילער ווי און וווּנד
אַ וועג צו דיר אין פרידן,
אַ סטעטשקע אויף דײַן באַן...

איבער לענדער פון מײַן זעל
שפּרייזט אַ הונגער פון דער ווײַט,
איבער פעלדער קאָרן־געל
איז דער שניטער נאָך ניט גרייט...

שפּרייזט אַ הונגער פון דערווײַט...
און פאַרטראָגט צו אַלע וויגן
און פאַרטראָגט צו וואַנדערונגען,
און צו וויזיעס פון מערטירער
און צו זעלטזאַמע פאַרוואַנדלונגען...

שווער צו קענען שווימענדע קאָנטורן,
אײַנגעזאַפּט אין נאַכטיק וואַכן,
שאָטנס הענגען, צוקן יאָרן
אײַנגעקריצט אין די זאַכן,
אין דער צורה פון אַ יעדן קינד...

# געבערג

טייכן שטראָמען,
בריקן שטייגן,
שלוכטן שניידן איין די בערג,
וועלדער וועלבן זיך ווי דאַמען,
טאָלן גרינען ווי אין שלאָף,
ליגן צו דער ערד,
צו די פיס,
אָפטמאָל ווי אַ גירטל ווייך
אַרום דער שטאַרקייט פון אַ ריז.

שראָפע שפיצן,
שמאָלע פּאַסן,
פון די ריצן אויסגעגאָסן,
ווייסער בויגן קוואַליק זילבער
קילער, נאָסער
פונקט אין פּראַסטיק־
בונטע שפּריצן
שפּליטער גאָלדן צו דער זון.

הויך סטערטשען גרינע קאַמען,
אויסגעקרומטע טעמפּע ציינער
קריצן איין געשפּיצטן זוים,
און ניי געבוירן יעדע רגע
שוימען, איינגעפרוירן מיטן טוי,
מילדע נעכט
און פּראָסט־געפרוירן, קאַלטע פון די גלעטשערס.

און פון קוואַלן פאַרבאַהאַלטן
ברעכט זיך פרייגעלאָזן,
אין קאַסקאַדן צווישן שפּאַלטן,
ברילט אין גרים אַ טייך צום טאָל.

רונדע רוקנס, בלאָק־געטעסעט
איינגעקלעמט אין אַ קאַנטור,
סטערטשען אין געשטרעקטע קרעסן
אין אַ הימל פון אַזור,
טיילמאָל האַלב־פאַרשלייערטע

אין הימלען שווער ווי בליי,
זיי פֿאַרלעשען שטום אַ שפּור,
זיי דערשטיקן אַ געשריי
אין ווייסן שניי,
אין ווײַ און נויט
פֿון ווייסן טויט...

# דאלאמיטן

שראַף און האָרם
שטייען די דאָלאָמיטן,
וועטער־געגאָרבט,
ציינען־צוקלומפּט,
גרויזאַמע שפּיצן געשאַרפט,
אין ד׳ אמות פאַרמאַכט,
טעמפּ, איינגעשפּאַרט
אין גרויע טומאַנעס
אַ גאַנצן נאָכמיטאָג...

אַלץ איז ממשות,
אַלץ איז פאַראַנען,
צווישן בערג דאָס גרינע אויג,
די אָזערע מיט לויטער הימל,
די קילע בריזע אַרום טעראַס,
די מילדע נעכט ביים ברעג פון ים,
און יענע פולגעטרענקטע גאַסן
מיט דער גלאָריע פון וויטאָג,
מיט איר גלאַנץ באַשענקט...

טיולן פאַלן איינער נאָכ׳ן צווייטן
ווי געקנייטשטע שאַלן צום טאָל...

די שאַרפקייט ווערט שאַרפער,
און די האַרטקייט האַרטער...

## אונטערוועגנס

דער צוג יאָגט דורך פרעמדע שטעט,
דורך פרעמדע גאַסן,
איף אַ בית־עולם ברענען נר־תמיד־ליכט,
אַן אָפּהאַנג לויפט
איבער טרעפּן, איף טעראַסן,
שוואַרצע ציפּרעסן שיצן מצבות,
צוברעקלט פון פאַרניכט — —
גאַז־טאַנקען בויכן זיך ביים וועג
איין שטאָט צינדט ליכטער
שפּאַנט מיט טויזנט געזיכטער
צום ברעג.

דער צוג גייט אַוועק.
ראַנגלט זיך דורך אַ טונעל,
אַרויס פון פאַרשטעק באַווייזט זיך אַ טייך
ווערט גייסטערהאַפט העל.

ווידער דעקט אונז דער יאָך פון אַ באַרג,
איינצלנע שטערן באַלייכטן נאָר קאַרג
די גלאַנצטונקעלע בלויקייט.
די אָפּעניגען ריינגלען זיך
אין זאַנפטע קאַפּולעס,
סערפּענטינעס שפּיגלען זיך שוואַרץ
אין האַרץ פונ׳ם זעע.

בערג ווערן פּלוצים בלענדיקע, בלויע!
מיט הימלען וואָס לענען זיך אָן אין די קרוינען,
מיט נעפּלען וואָס שפּינען זיך, זיידענע גרויע
איבער די שלוכטן, אַריבער באַוואוינען;
אַ רויטער וואַלד־בראַנד גליטשט זיך,

די זון פאַרשווינדט אין די בוכטן פון ים.
דער טורעם פון פּיזא פאַרגייט אַלץ נאָך שיף
איבער דער טיף פון דער פּיאַווע.
איבער איר יאָוועט זיך אַ הון־רב פון זילבער.

אין שראַפּע ריטמען ראַטערט דער צוג
אין אַן אומבאַקאַנטער נאַכט אַריין,
שלייפט אויס אַ רוק
און בלייבט שטיין.

און בערג קייטלען זיך,
שורה נאָך שורה,
האַלטן זיך אָן ביי די הענט,
דער הימל הענגט אין אַ שווערער צורה.
דער טאָג האָט זיך אָפּגעווענדט,
ווערט בלויער און טונקעלער...

*

שטאָלערן־פּויל ריטשעט די צוג־שלאַנג
אַריין אין טונעל,
ס׳איז טונקל און באַנג.
גלאַנצט אויף אַ טייך,
גייסטערהאַפט־העל,
אַ בוים גליטשט זיך אויס,
בערג פאַלן אום,
ווערט ווייך און שטיל
און דערפרישנדיק קיל...

דער וואַלד־בראַנד גליט אויס,
איינצלנע שייטער טליען רויט ווי ציגאַבער
פון דערווייטן אַ הויז,
אַ נאַכט אין אָקטאָבער,
נאָך ניט קיין שטערן — —
צוביסלעך נאָר ווערן אַרומיקע הייזער גאַנץ ווייס,
אַן גלאַנץ.

און לייכט ווי צום טאַנץ
שושקעט דער ווינד אין די בלעטער אַ סוד ;
דאָס הערט יעדעס קינד,
די נאַכט איז ניט ווייט,
מ׳פילט שוין איר טראָט,
ס׳בליסקעט דער טוי
און מישט זיך מיט בלוי פונ׳ם הימל.

# לאנדאן

די ווייסע פלאַכן זיינען אַהינגעקומען,
מיט זיי די ווייסע קעלט,
די אַזערעס, די שטראָמען
האָבן אַלע אויסגעקוועלט.

און אַ וועלט פון חיות ווילדע
ליגט רואיק אָן העוויות
אויפ'ן גרונט פון טעמזע,
אפילו וואָיען פון די וועלף
הערט זיך נאָר פון רידזשענט־פּאַרק אין „זאָא".

די טעמזע, זי איז אַלט און זי איז מעכטיק
איר אייביקער לויף אָן עדות, אייביק,
אויף אירע ברעגעס דערהויבט זיך פּרעכטיק
די וועסטמינסטער אַבי, די „סיטי" און די בריקן,
פירט איינע וויט צוריק קיין צעזאַרעא...

אין טיטוס'עס געצעלט קניט בערעניקע
אַ קעניגס־טאָכטער פון יהודה,
בייגט איין,
טיף איין דעם שטאָלצן קאָפּ
און בעט,
בעט רחמים פאַר ירושלים,
פאַר אירע גאָלדענע טורעמס און טויערן,
פאַר די ווייסע מויערן פון בית המקדש
אין שטויב פאַר רוימישע צעזאַרן...

דער קעניגליכער מאַנטל,
דאָס גאָלד־געשטיקטע קלייד
אין שטויב,
פאַר רוימישע צעזאַרן...

*

תקופות קומען, תקופות גייען,
צווישן סט. פּאָלס קאַטעדראַל
און דעם טעמפּל פון דיאַנאַ אונטער איר
ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון געשען.

אויף אַ קליינעם תחום פון ערד
ווערט איבערגעבאַכט ניט צושטערט
וואָס ס'יערט אַ יאָרטויזנט...

*

שטייען מענטשן אויף לאָנדאָן־ברידזש,
בייטאָג, ביינאַכט, אַ גאַנצן יאָר,
קוקן מענטשן אַראָפּ צום „פּול"
אַן ווערטער,
זוכן מענטשן אונטער כוואַליעס
דעם קאָנטערפּיי וואָס רייט פּאַרביי,
זוכן מענטשן זיך,
דעם היינט, דעם אַמאָל,
עבבע און „טייד", אין חלל פון צייט.

הויערט דער טאָוער
אין שראַפּער פּינצטערקייט,
אַ גרימיקער, גרויער
איבער טייך און „ריווער־סייד",
טורעמס און בריקן
צוגעפּאַסט צו די געשיקן
פון פאַרפאַלענע אין אים.

קינדער־פּרינצן ליגן אין בלוטיקן טורעם,
ניט ווייט אין קאַפּליצע אָנן באַלען,
די ליבליכע ליידי זשאַן גרעי,
קינד און קעניגין, אַ סברה,
די קרוין איז גאָלדן און איז שווער,
און עס גייט די מער,
אַז זי איז גורם צו דיין בלויער, גרויסער זילבער־טרער...

דאָקס און פּאָרט פון „ריווער־סייד"
שפּאַנען צו דער אַנדערער זייט פון טאָוער.
לאָנדאָן־ברידזש נאָענט צו בילינגס־געיט,
קעיס און פישמאַרק.און די פישער־פרויען
מיט פלינקע צונגען, מיט כוואַצקע־רויען מוטער־וויץ
וואו מורה־מורנו שעקספּיר האָט ניט איינמאָל אין דער היץ
פון אַ געפעכט, אָפּגענאַשט דעם זיסן טאַם פון פאָלקס־אידיאָם
גראָד ביים שוואַכערן געשלעכט.

און אַט קומט אונטער „ראַטהקליף הײַוויי״
מיט גאָר אַ שלעכטן שם,
סט. דזשאָרדזשעס קירך דאַנעבן — —
דאָ קענסטו זען די ניט פּװנע הײם
פֿון מערקאַנטילן דזשעק,
װאָס פֿלעגט צו לעבן אַ גוטן טאָג
װי לאַנג די קלינגערס האָבן געקלעקט,
דער פֿידלער און די האָרן־פֿײַף
די מעסערס לױז אין גורט, פּיס געהױבן, אױג פֿאַרשײט,
„און טאַקי נאָך אַ קאָרט...״

*

נעפּלען שטײַגן פֿון פֿאַרדאַרטע שטראָמען,
נעפּלען שטײַגן, לאָזן ניט צורו...
נעמען אַרום די שטאָט, פֿאַרשלײערן די דאָמען
און פֿאַרװעבן זײ אין ראָד פֿון עבר — —

אַלע גאַסן האָבן שליסלען,
כאַטשע טױערן שטײען אָפֿן,
טירן זײַנען אײַנגעריסן
איז דאָ שװער זיך אױסצוקוקענען
איז דאָ שװער זיך צו דערװיסן
װי לאַנג עס ציט זיך נאָך דער װעג — —

בפרט פֿאַר יענע שטענדיק אונטערװעגנס.
דער אַספֿאַלט איז גליטשיק, און דער שליאַך איז נאַס,
דער הקדש שטענדיק איבערפֿולט, פֿאַרגעבן
סכנה לױערט אױף׳ן ראַג פֿון גאַס — —
דער אַספֿאַלט איז גליטשיק...

מיר זײַנען אַלץ נאָך אױף דער ריװער־סײַד.
דזשים איז נאָר װאָס אָנגעקומען
אַ דאָרפֿס־יונג גראָד פֿון לענקעשיר,
די הענג־בריקן זײַנען אױפֿגעגאַנגען
שיפֿן, פֿעהרן פֿון מאַראָקאָ, פֿון אַלזשיר,

אַלע פּראַכט־באַלאָדן, גליטשן זיך פֿאַמעליך
יעדע צו אַ אײגענעם פּיר.
פֿון זײַנעטװעגן זײַנען זײ געלאָדן

פּאָר זײַנע װאונשן אױסגעשפּאַנטע פליגלען,
די טעמזע איז גרױס און אַלע מײלן מאָלן
אױף ראָזעװע, דזשימסקע װאָסערשפּיגלען...

װי לאַנג איז עס דער װעג
פֿון דזשים פֿון לענקעשיר
ביז דזשים דעם סענדװיטשמען
װאָס איז אײַנגעשפּאַנט אין דאָפּל־שילד
װאָס לױבט גאַר גינעס־ביר!

מיר זײַנען אַלע אין איסט־ענד
און אױף ריװער־סײַד,
דער װעג איז גליטשיק און דער שליאַך איז נאַס,
די סירענע פּײַפט און פאַרבײַט
און פאַרבײַט איבערנאַכט דאָס אױסזען פֿון דער גאַס...

אַלע גאַסן האָבן שליסלען, אַלע,
װײַטשעפּעל רײדט און פּעטיקאָט לײן,
דער עלנט שרײַט און איז שטום װי אַ שטײן,

"A message from the stars
twopence..."
"Ice cream big lumps today"

און זאָקן־בענדלעך, אַלטע אײַזן!
און רפֿואות, ס'איז אַ חיות...
װער װײסט, אַז יעקב זיצט אין מזרח־װאַנד אין שול
און יוסף האָט געלײענט דעם שבת?
אַלע גאַסן האָבן שליסלען, אַלע....

*

בעפּלען יערן, שװימען,
טרינקען אױס דאָס ליכט,
חושך װײס גערונען,
פאַרשטעלט דאָס געזיכט,
פאַרמישט אַלע זינען...

דרױ־גרױ דער קאַנאַל
װיגט זיך אין קאַלײ,
און די שאָטנס פֿון דערבײַ,
װײַזט אױס, בענטשן טל.

שוועלן אַלע וועלן
און גערוישן ליגן
געפאַנגענע אין צעלן,
פאַרטויבטע און אַנטשוויגן...

הו! סירענעס פייפן!
סווישטשען אָפּגעריסן,
מעסער־שאַרפע צייכנס
איינגעשפאַרט פאַרביסן.

*

וויקטאָריאַ סטיישן!
דער צוג פייפט אויס אין לעצטע ריפן־שטויסן,
ציִשט אויס אין טויזנטער רררריש׳ן!

דאָס אויטאָ זויזט אין בויגן
מאַכט אַן עקסטראַ־טור,
איבערן רידזשענט־פּאַרק געצויגן
אויף אַ טעלעגראַפן־שנור
זיצן אויפגעסיליעט שפּאַצן,
פירן אַ ויכוח, שוואַצן...

*

בלויער נעפּל און מאַטאָווע גאָלד
שיט און שפּינט זיך פון דער הויך,
העכער שוואַרצע, פייכט־פרישער אַספאַלט,
פון קוימענס ריינגלט זיך אַ רויך.

איבער וויזן, איבער לאָנעס,
וועקן, וויגן זיך טומאַנעס,
און אינמיטן זילבערן מעווען,
דער מאָרגן איז נאָך יונג און בלייך,
פליגלען פליען און פאַרוועבן
גלאַנץ און צויבער, ס׳איז ניט שייך...

און אַ גלאָק קלינגט אויס אַ קלאַנג
פון וויטן רייסט זיך דורך רעש
און פאַרמישט זיך מיט געזאַנג
פון מערץ און מאָרגן און פייזאַזש...

ווייכע לאָנקעס, גרינע פּאַשעס,
וואָגלען זיך אין וועלן,
וויגן זיך אין ווינט.
טונקעלע וועלדער, בלעטער רעש׳ן
אַ פּאַסטוך טרייבט זיין שאָף און רינד.

בינען זשומען און פאַרשטומען,
נאַשן עמערווייז פון זאַפּט,
וועגן פּירן גלייכע, קרומע
אַ פּערד פּרווּט אויס זיין יונגע קראַפט — —

זאַנפטע בערגלעך, בוים־ און קרוין־רייך,
אַ האָז אַנטלויפט אין פעלד אַריין,
אַ קוואַל פאַרשיקט אַ זילבער־טייך,
די זון פאַרגילדט אַ יעדן שטיין...

און באַרוועס וואַנדלען שטילע סטאַפּעס,
זויגן איין זיך פרויען־פּיס
אין דער גריבער ווייכקייט פון גראָז.
אין לויזע ווייסע וואָל־מלבושים,
אין די היפטן גאָלד־געגאַרטלט,
גייסטערן איינצעלנע געשטאַלטן
אונטער העקן, אונטער בושן
און צוקושן יעדעס בלאַט — —

און אין גרופּן שטייען בוימער
מיט צווייגן קאַריגע ווי שטאַמען,
מיט דער חכמה, מיט אַ ים פון וויסן אין די אָדערן
מיט אַ ים פון שווייגן...

האָט דאָ וואָלזי ווען געבלאָנדזשעט ?
דער אַכטער הענרי ? אָנן באָליין ?
ווען העמפּטן קאָרט האָט שוין געלויערט
אויף דער שיינקייט, אויפ׳ן חן
פון איר יונגען שיינעם האַלז ?

איז די שאָטישע מאַריאַ דאָ פאַרביי געלאָפן,
ווען די אַנגלען פון דער תליה
האָבן וואו אַ נעץ פאַרוואָרפן ?

אין קיו־גאַרדנס די בוימער ווייסן — —
נאָר ווער האָט זיי געהייסן שווייגן...?

*

און די דאַליעס פרירן, ציטערן,
ווייל די רוט פון די געוויטערן
ציכטיקט אַלע בלעטער
מיט פייכטע כוואַליעס ווייסן נעפּל.
זאַפטיק ליגן אַלע פאַרבן,
אָן אַ סדר,
שטאַרבן.

און אַסטערן גרויסע ווי די שטערן
שטייען אַלע אַרום אַ טייך,
וואָס שפּיגלט זייער טעמפּע בלוי
און מאַכט זיי שטענדיק איבערקלערן:
מיר זײַנען אַלע ממש בלייך,
צי איז דער שפּיגל גרוי...?

נאָר אויף אַ סטעטשקע פון דערווייט
ווייזט זיך העל אַ פרויען־קלייד
צווישן בוים און גאָרטן־בייט
לייכט אַ שימער און פאַרגייט.

*

איבער דער טעמזע דער סטראַנד
געניצט אָפן און ברייט
צושטרעקט זײַנע אָרעמס
דערגייט צו געזימסן,
אפילו צו טורעמס פון שטאָט.

דער אַספאַלט טוי־געגלאַנצט.
ס'איז רוי־קיל און שטיל
אַ געשלאָסענער לאָד, ראָל־טיר־פאַרשאַנצט
קוקט טעמפּ אָן אַ ציל,
אויף ראָגן דערוואַכט אַ מעסיק געבריל,
ס'נעמט זיך טאָגן...

אַ מאַן אין מונדיר
ווינקט ווייס צו אַ סטאַרט,
דער זייגער שלאָגט פיר
מעשן און האַרט.

דער צייכן וווּזט רויט
און שטראָם גיסט זיך ברייט
אין אָפענעם טויער פון טאָג,
וואָס שטייט גרייט...

*

„ביג־בען" האָט נאָר וואָס געשלאָגן.

און איך פיל זיך אוועקגעטראָגן העך
ביז צו די ברעגעס פון טעמזע.
אָן אויפהער גיסן זיך אירע וואַסערן
פאַרגיסן זיך אונטער אוראַלטע בריקן
וואָס גייען צוריק צו געבורט און געשיקן פון שטאָט.

ווילט זיך באַכאַמאַל איבערבליקן
האָפן און שיפן פון גאָר דער וועלט,
די אייביק באַוועגטע ריפן פון טייך,
די „איננס" און די„סיטי",
און גראָד יענע אויף רעד־ליאָן־סקווער
גלייך אויפן ראָג —
וואו דיקענס פלעגט וועבן די מער פון זיינע חלומות —

און ס׳ווילט זיך גלאָט בלאָנדזשען
אין שטילע ענגע גאָסן פון וועסטמינסטער־סיטי,
וואו רויט־געציגלטע מויערן
פרוון זיך פאַרמישן מיטן רויט פון גערעניעס
אויף שמאָלע פענצטער־ראַמען
און קענען ניט פאַרשעמען זייער הייסע קאָליר.

און אפשר וואָלט איך גאָר אַריין אין רעש
פון טראַפאַלגאַר־סקווער,
וואו דער אַספאַלט שפיגלט דעם שיין
פון זונפאַרגאַנג און פון ברוזיקן פאַרקער —

און ווען איך מאַך די אויגן צו
זע איך לאָנדאָן גרין —
פאַרקס און היטהס, סקווערס און לאָהנס
און יעדן מין פון בוים און קוסט,
גראָז און בלום און הייליקע לוסט
צו לעבן...

# פאריז

כ׳בין ערגיץ־וואו דערוואַכט,
ס׳איז מיטערנאַכט,
כ׳ווייס ניט וואו איך בין,
ווער ס׳האָט ביך אַהערגעבראַכט,
אַלץ איז אָן אַ זין...

די נאַכט איז פרעמד,
מיין ליבשאַפט גליט
די אייגענע ווי נעכטן,
די נאַכט איז פרעמד...

כ׳וואָלט וועלן זיין מיט דיר,
זען מיט דיר פאַריז,
„נאָטר דאַם"
צו לויפן גאָר מיט דיר צופוס
האַנט אין האַנט
איבער אַ וויטן וויסטן סטעפּ,
פאַרביי אַן עכטן שדים־טאַנץ אין וואַלד.
און איך האָב זיך גראָד דערמאָנט —
קאַנאַל־גראַנד געזען פון דער פּיאַצעטא
נאָר מיט יאָרהונדערטער צוריק —
אַ פאַרשייטע דאָגאַרעססא וואַרפט אַ זילבערנעם
פאַקאַל אין דער לאַגונע,
ווענעציע, ווענעציאַנאַ אין פּאַלאַץ,
גאָנדאָלאַס גליטשן זיך אויפן זילבער פון לבנה
אויסגעשאָטן איבערן ים — — —

*

נאָר אין הײַדפּאַרק פּעטער פּאַן
וואָס וועט קיינמאָל ניט דערוואַקסן,
פלאַס דע לאַ קאָנקאָרד מיט זיין פירנעם־ווייסן ליכט
וואָס היט זיך אויסצומישן מיט די ליכטער פון דער גאַס —
ציט מיך אָן אַ שיעור.
נאָר וואָלסט זיך מוזן איבערטאָן, געליבטער,
דיין ברוינע דזשונגל־הויט וואָלסטו מוזן איינהילן
אין מלבושים פון אַ וואָכן־טאָג
ציוויל און ניכטערן און קיל,
קיינער זאָל ניט וויסן,
ניט דערקענען אַזויפיל...

ווייל אַכט אַ זייגער
ווערט דער טויער צוגעשלאָסן
אין זשאַרדען דע לוקסאַמבור.
אויף די העקן טויט די ראָסע,
בלעטער פּלעכטן אַן אזשור,

יונגע פּאַסטוכער, פּאַסטושקעס,
שטומע שטיין געבליבן אין שטיין,
גאַנצע סטאַדעס שאָף און רינדער,
אַ יאָרהונדערט אין געביין,
וואַרטן ווי די קליינע קינדער.

אַראָפּצושפּרינגען אין באַסיין —
בלויע שווינגען שוועבן
אין אַ דין געוועב,
פליען און באַלעבן
וויגעלעך און וועג,
פאונען און סאַטירן
לויערן פון פאַרשטעק,
נימפן צו פאַרפירן
אונטער גרינער דעק...

אין האַריק שטאַרקן אָרעם
פאַרבאָרגן זיסן רויב
הויך פון אַ טורעם
לאַכט פאַרשייט אַ טויב.

און רוסאַלקעס וואַרעם נאָך
פון אַ לעצטער ליבע־נאַכט
אויסגעפּוצט אין פאַרנקרויט,
אויסגעקושטע, קוים דערוואַכט
שטייען אויפ׳ן זאַקל־שטיין
טוי־טראָפּן באַהאַנגען,
לאַכן שטיל מיט בלאַנקע ציין,
סודות־פול פאַרלאַנגען...

*

מאַריאַ דעי מעדיטשי די פּאַטראָנעס,
די נאָכפאָלגער מיט קעניגליכער סוויט,
גלאַנץ און גליסטן, גאָלדענע טרעסן,
הויף־אינטריגעס, קאַרנאַוואַלן

זיינען אַהינגעקומען — —
אין גרויסן זאַל איז דער טיש געגרייט,
בלייכע ליכטער ציטערן פון די ווענט,
דער משפט איז געפאַלן, בלינדערהייט
געחתמ'עט האָט בראָש פונ'ם קאָנווענט
פוקיע־טענוויל — —

צוויי־און־צוואַנציק אין צאָל
די זשיראָנד,
שאַרן זיך פאַרנעפּלט אַרום ווענט,
ניט אַלע מיטאַמאָל
אין פראָנט,
דער טויטער ברודער וואַלאַזע
אין דערמיט,
פאַרויסגעגאַנגען דעם לעצטן וועג
מיט איין שריט...

דער טיש איז גרייט
אַרום אים אָנגעלענט פראַנקרייך'ס אַוואַנגאַרד,
פראַוועט לעצטע וועטשערע,
שווערט אין תהום פון לעצטער נאַכט:
„וויוו לאַ ליבערטע!! וויוו לאַ פאַטרי!"
אין תהום פון לעצטער נאַכט
וויוו לאַ פאַטרי...

די שאַרדעט איז פרעציז:
פרעציז די גילאָטין — —
אַ קאַלטער מאָרגן גריסט
זשיראָנדיסטן פאַר דער מיתה,
דער טויטער ברודער וואַלאַזע
אין דערמיט
פאַרויסגעגאַנגען דעם לעצטן וועג
מיט איין איינציקן שריט.

*

קאַמיל דעמולען האָט זיין משפט אויסגעהערט
אין זשאַרדען דע לוקסאַמבור,
און ליב לוסיל, מיט אויגן פול־פאַרטרערט,
האָט אין זשאַרדען זיך מורא'דיק געוואונדערט
און אַלץ געפרעגט:
„טאָ איז עס אמת,
די זון האָט ווידער זיך געליגט,

און אַן אַ רמז — —
איז אַ מאָרגן אויפגעגאַנגען
נאָך דער נאַכט.... ?
נאָך אַט דער נאַכט ? !
קאַריאַטידן שטייען איינגעבויגן
און צופרידן.
און אַ שטראָף געשפּאַנטער בויגן
גיסט קוואַליק זילבער
אין אַ נאָס־קילן באַסיין — —
גליידך גאָר ניט, גאָר ניט איז געשען... ?"

„קאַמיל, האַנטאַן און פּיליפּאַ,
דענקט שטיל לוסיל — —
פאַרן אין שאַררא,
ס'איז אַ קאַלטער אינדערפרי,
אין קייטן, אין קאָנסיערזשערי... ? !"

*

גערונען צאַרטראַז אַלאַבאַסטער,
שיט דער הימל, איבער בריקן,
איבער בויגנס פון פּאַריז.
העכער איבער אַלע דעכער
אַ פאַרהילטע אין איר צניעות
אויפגעשטויגן איז „נאָטר דאַם"
און דערהויבן, הויך אויבן
שטייט זי בליידך אַ באַרוישטע
פון די ליליעס, פון די תביעות...

אַרום גאָטיק וועבט זיך נאַכט,
נייגט זיך איבערן ברעג פון סיין,
סאַנקטיואַר און באַזיליקע
קען מען ממש קוים נאָך זען,
די אַפּאָסטל, די רעליקוויעס
און די סוויטע הייליקע
און אומצייליגע פּאַרציקטע...

מאַריאַ שטייט אין אַ קאַפּליצע,
האַרץ און קלייד אין שטיין,
באַגעגנט זיך אין די וויטראַזשן
אין טרערן־קרוין פון איר געוויין...

„ביזטו די מוטער פון די מוטערס" —
זיפצט אַ פרויען־קול אין פיין —
דיין ברוינער לייב ווייזט אַלע רוטן,
דיין הייליגער קאָפּ אַ גלאָריען־שיין...

דו האָסט די וועלט דערלייזט, דערהעלט
דעם טויט באַזיגט דורך לייב און לעבן,
און אין המשך ליגט
דאָס שטרעבן דיר צו דינען מאַריאַ!
זיך צו געבן,
צו דיר און צו עשתורת
דיין לייבליכער שוועסטער אין גנאָד,
פרום און ריין אַזוי ווי דו,
אַזוי ווי דו
פאַרראָטן..."

*

אונטערן באַר שטייט פּיער דופאָן,
און טראַכט: „מוסיע לע קיורע..."
און טראַכט: „לע ביסטראָ, אַ פאָן..."
„לע באַש" — — זיי קומען — —
— — און גאַנץ באַנומען זוכט ער אין ביוראָ
דעם בילעט פון דער לאָטערי,
מ'קען גאָר ניט וויסן,
די ציאונג איז שפּעטסטנס
פרייטאָג אין דער פרי...

פאַריז בויט באַריקאַדן,
לשם טראַדיציע,
און מחמת זי זיצט אין האַרץ פון דער וועלט.
טרויער־טרעכטיק הענגען די פאסאדן
פון די מויערן
און אין אויערן סווישטשען לאַנג־געצויגענע טענער
שרעק צום געהירן — —

די טיולעריען האָבן זיך פאַרצויגן
צום פאַרבאָרגנסטן ווינקל,
פער־לאַ־שעז און וואַנדאָם האָבן קריעה געשניטן.

אינמיטן פון האַרץ זיצט פּאַריז,
פּרעכטיק, וואַרעם, זיס
און פאַר אירע טויערן
גערמאַנישע האָרדן
און טאַנקען! טאַנקען! טאַנקען!

וואַרגן, מאָרדן!
די פּעריפעריע און די פלאַנקען
האָבן זיך געשפּאָלטן;
קראַטערס סאָפּען,
פאַרוואָגלטע געשטאַלטן,
מיליאָנען אויפ׳ן שאָסיי,
לויפן,
דרעגנען,
און כמאַרעס הענגען טויט!
רעגענען טויט!
וואַיען טויט!

פּאַריז איז געפאַלן... !
דער הימל הענגט אין שוואַרצע רעמען
„פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד" סקריפּעט אונטער פּאַדקאָוועס פון היטלער.
לאַ מאַדלען אין די קראַלן פון האָרדן,
נאָטר־דאַם מיט פאַרהאָנגענע ברעמען וויינט...

תשעה־באב.
דער טאָג פון טרויער איז אַראָפּגענידערט,
אַ שווערער באַהאַנג איבער דיינע גלידער,
אין דיינע קאַטעדראַלן די תפילות
די לידער אין דיינע האַלן
זיינען שטום.

יאָרטויזנטער טרענקען זיך פאַר אונזערע אויגן
און ווערן פאַרפאַלן.
אַלע שטייען זיי אין איין ווירע
און וואַרטן.

די קני בויגן זיך
און קיינער זאָגט קיין קדיש ניט ביים פאַרשטאַרצטן קבר.
קיינער זינגט קיין שירה ניט.

דער טויט איז קליין
און געמיין.

אויף שאָסייען ליגן מענטשן,
לויפן מענטשן,
וויינען מענטשן

און טרערן.
פון טאַנקען, פון מאַשינען־געווערן
די קוילן
שניידן,
טרעפן,
ברענען די גרייטע קאָרן
און ס'איז נמאס געוואָרן צו ציילן.

די גרויסע נאַכט איז אַראָפּגעשטיגן,
און וואָכערט אין מענטשנס געהירן.
די פּיין איז פאַרשטיינט — —
מעכאַניש דרייט אַ לץ אַ טאַנק
און דערשטיקט דעם געדאַנק אין געבורט...

*

„לאַ מאַדלען", „נאָטר־דאַם", „סאקר־קער"
אין שוואַרצער, אין ווייטער סוטאנע,
און די פלעור פון אייראָפּא, פאַריז,
אין דיין מעכטיקן פּרעכטיקן לייב
גליען אין ליידן אַלע צוזאַמען,
דיין גוטער מלאך, דיין שלעכטער...

דיינע טויערן אָן אַ וועכטער, פאַריז,
די שטורעמס און די בליצן אין דיינע איינגעווייד,
וואָס האַרטעווען דאָס ליכט „לאַ קלארטע"
אין צייכן, אין גלאָריע פון עבר,
„פראטערניטע, ליבערטע, עגאליטע",
בענטשליכטער פאַר דער וועלט...

סוועדען,
צווישן האָריזאָנט און האָריזאָנט
טרויעסטו פאַריז,
צווישן מזרח און מערב,

אין שיין,
אין דער גלאָריע פון אַ נייעם יאָרהונדערט,
אין פּיין פון געבורט — —

דער כאַאָס פון דעכער האָט פאָרעם געגעבן
באַוועגונג און לעבן.
בולוואַרן און סקווערן,
די אָפענע פּלעצער
אַטעם־אינטערוואַלן
צווישן תקופה און תקופה...

דאָס קרייץ איז געפאַלן, ליבליכע כלה,
און דיין הבטחה פון גאָט׳ס מלכות דאָ אויף דער ערד
פאַר אַלעמען, פאַר אַלע — —
דיין שליחות
האָסטו ניט דערפילט.
ליכטער און לייכט־טורעמס זיינען פאַרלאָשן.

שווער ליגט אַ האַנט אויפ׳ן שוועל פון נייעם יאָרהונדערט
און דריקט.

*

אונטער ריגלען קרעכצט דער גרויסער שטומער,
דער מענטש — —
שטייגט די מער פון מענטשן
עד לב השמים...

## נ י ו - י א ר ק

ברוינער בראָקן האַרטע ערד,
ענג־געקלעמט, פון ים געפּענט,
כימערישע אינזל וואָס הענגט אויף אַ האָר,
דיך האַלזט אַ ים אין מעכטיקן אָרעם
צערטליך און שרעקליך.

מאָנומענטאַלע פּאָרטע פון אַ נייער וועלט,
דיינע טורעמס שניידן דעם הימל —
מילשטראָמען און פּענעך, טראָפּישע טאָרנאַדאָס
בושעווען מיט אכזריות אַרום דיינע גיגאַנטישע טויערן!
די רויז פון די ווינטן אַנטפּלעקט אַל׳ אירע דערנער פאַר דיר...

*

געשטערעקטע קאָנטורן,
ווירעס, וואָס פירן
עטאַזשן געשפּאַנט ביז צום ליכט — —
פענצטער און טירן
געשלאָסענע זיגלען,
געחתמעט אין גלאָז,
היעראָגליפן פון ציגל
פאַרשריבן מיט שטאָלערנער בלוט
באַדעקן די קרייזן וואָס פירן
מיט יינגלישן מוט
אין אַבסורד פונ׳ם הייַנט.

געוועלבן פון אייזן,
געשפּאַנטע אין וואורף,
בריקן וואָס שפּרייזן
געטריבן אין לויף
הידרוילען און טאַנקען
מוסקלען, מעטאַל
האַמערן ווערק מיט פליגלען פון שטאָל
איבער ימים און בערג,
איבער טייכן און טאָל...

## פון „קרייזלער בילדינג״

אַ ווייסע וויזיע הויבט זיך פּאַמעלעך
וויקלט זיך אין טראַנס
אין וואַריאירטע ספּיראַלן
דערלאַנגנדיק צענדליק אויף צענדליקער פלאָרס אין דער לופט.
ווערט לייכטער וואָס העכער און ליכטער,
פאַרקלינגט ערגיץ־וואו אין אַן אײַנציקן טאָן.

הויך אויבן שוועבט אַ ווייסע פלאַם
דער דאָם — —
ווען מען טצעטער פינאַל וואַרפט אַראָפּ
יעדן באַלאַסט פון ערדן־שווערקייט
און שטרעבט, אַ שטערן צו שטערן
מוטיק צום הימל.

די סטרוקטור, לעצטער אויסדרוק
פאַר צוועק און פאַר ציל,
דער דור פון היינט פאַר היינט,
יעדע טענדענץ פון פּלאַסטיק,
פון אַרכיטעקטור,
פון געדאַנק און פון טאַט
פון קאָנסטרוקטיווער מעטאָדיק
פון יונגען דור
אין יעדן שטריך פון בוי אַפּליצירט.

דער סופּיט אין לאָבי, ווייזט אַן אַרבעטער
בן־אדם מיט רוקן און לענד,
סימבאָל וואָס שלעפּט שטאָל און שטיין
אין הימל אַרײַן,
גלידער, מוסקלען פון אַ ריז
דיריגירט מיט הילף פון געהירן
עלעמענטן אונטער זיין ווילן,
פירט אַן דעם קאַמף אויף לעבן און טויט
וואָס וועט קיינמאָל ניט נעמען קיין סוף...

סימבאָל פון נאַטור קראַפט,
פייער און וואַסער און ליכט,
און זייערע קינדער און קנעכט,
עלעקטריציטעט, פאַרע און היץ — —

און אַרבעטער אין מאַסן,
יענע וואָס פיקסירן חלומות אין רעאַלע ווערטן,
יענע וואָס פירן די ליניע פון אונטער דער ערד
ביז צום לעצטן אַקאָרד,
יענע וואָס שפּילן די גאַנצע סימפאָניע
אַרויף ביז צום טורעם פון דאָם — —
און העכער פון אים...

און טיף צו די פיס פון זעלטזאַמען טעמפּל
ליגט
באַקאַנטיש פאַנאַנדערגעלייגט
דער ייִנגסטער וווּנדער פון יונגע יאָרהונדערטער
ליגט ניו־יאָרק,
וואָל סטריט, בויערי, דער האַפן, דער ים.
אין מערב־זייט דער פּרעכטיקער האָדסן,
מערקאַנטילע ריטמיק אויף די זילבערנע ליספּעס פון זיין רוקן.

איסט־ריווער האַלזט מאַנהעטן,
לאָנג־אײַלאַנד און ברוקלין און בראָנקס,
אַלע אינזלען און טײַכן, אַזערעס און פּאַרקן
זיי אַלע, וואָס הייסן ניו־יאָרק.

דער דאָם אין זיין וואָלקן־הימל,
פילטרירט רעש און באַוועגונג
און לאָזט זיי פאַרלויפן אין פאַרלוירענע מיניאַטורן,
און לאָזט זיי אין אַלע ריכטונגען פאַרווייען
און ערגיץ־ווו איינזאַם פאַרקלינגען...

און בליצן מיליאָנען ליכטער ביינאַכט,
בלישטשען פליטער אויף שוואַרצן געוועב.
פאַרהילן דיסקרעט, פרעציז געצייכנטן זין און צוועק,
פאַרגיסן זיך שטיל אין אַ געמיינזאַמען שטראָם,
צו אַ איינציגן ציל,
פון פאַסצינירענדיקן גלאַנץ פון טויזנט קאָלירן,
וואָס שפּינט בלאַט נאָך בלאַט,
אַן אָפענער כימערישער ספר,
וואונדער און לעגענדן
פון טויזנט נעכט פון ניו־יאָרק.

## ווערק-טאג אין גאס

ווערק־טאָג אין גאַס!
סירענעס צורייסן די לופט,
באָסעס, און טעקסיס, מאַשינען אין לוקסוס
הילכן געוויכטיק ווארייאירט די אַקאָרדן,
געראסל אויף שינעס, הופן, מאָטאָרן,
געצויגענע סטרונעס
וואזשען די בריקן,
לאסטאויטאָס קרעכצן אסטאמאטיש באַשווערט,
באַלאַסטן און פרעסן דעם גוף פון דער גאַס.

רעקלאַמעס בליצן אין גרעלע קאָלירן,
ברענען און בלענדן דאָס אויג פון דער גאַס,
און יעטוועדער ראָג פון פּאַרקער און פון פּראַכט,
מאסיג געבאלט, פון ווערקטאָג געפּרעסט,
און יעטוועדע קרייצונג צוזאַמענשטויס־בלינד
פון קראַפט און פון עלעמענט —

און איבער דער גאַס, דראָטן און נעצן
און שטאָלערנע שטריק
פולסירן דאָס בלוט, באַשטימען דאָס ווערק,
אין געזעצן געטאָקטע פון שטאָל און פון שטיין,
וואָס וויקלען זיך אָפּ מאַטעמאַטיש פּרעציז
אין מעכאַנישע ריטמען פון אַ שטאָלערנעם גייסט.

## פון „האפן ניו-יארק"...

— און וויט איבערן האָדסאָן שפּרייט זיך דער האַפן
שריט נאָך שריט אַטמאָספער געדרענגטער
אַלץ קאָמפּאַקטער ווערט שטאָף, מאַטעריע,
דער האַפן באַשרענקט אויף אייגענע גרעניצן
שעפּט פון אייגענע קוואַלן —

פון פאַרכישופטע טאָלן,
פאַרצויבערטע בערג פולסירן מיליאָנען אָדערן
בלוט און ווערק,
דרייען מיליאָנען רעדער
דעם טעקסט צו האַפן ניו־יאָרק.

גיגאַנטיש פאַרשאַנצט דער האַפן ניו־יאָרק
שפּאַנט אַרום זיך אַלע כוחות,
אַלע אָזערעס־אויגן פון לאַנד
שטראַלן אַ נעץ, קרייץ איבער קוועד.

פֿאַרקניפּן אַ צענטער געוועבט אַרום האַפֿן.
לייק איריִ, אָנטעריאָ און מישיגען
זינגען אַריין זייערע נעמען פֿון קלאַנג
פּרעסן זיך איין מיט פֿייעריגע אותיות
אין קרייז פֿונם האַפֿן —
ברעג־האַמפּער קרייצן דעם האָדסאָן,
באַלאָדן מיט פֿראַכט און מיט פּרוכט,
פֿון אייגענע מדינות
וואו דער זומער הערט ניט אויף
וואו דער ווינטער קומט ניט אָן
וואו דער ווייצן בליט
דורכן גאַנצן יאָר.

„פּענסילווייניאַ־ריילראָוד" מיט אַפּשטייג־קוואַרטירן
באַוועגט אַ רעלסן־נעץ אויפֿן עלעמענט פֿון האַפֿן,
ריזן־פּאַראָמען פֿירן אינווענטאַרן און לעבן
פֿון ברעג צו ברעג.
און „ניו־יאָרק צענטראַל"
און יעדער טרעק אין זיינע ווייטפֿאַרצווייגטע וועגן
פֿון וואַסער און לאַנד
שיט אויס זיין אינהאַלט, זיין גאַנצן געהאַלט
אַרום צענטער פֿון צענטערס —
אַרום ברעגעס פֿון האַפֿן ניו־יאָרק.

זיינען ברעגעס פֿון האַפֿן פֿאַרפּלייצט מיט סילועטן,
פֿון משונע שערען־שניידער געשניטן —
„טראַסט־אויל־קאָמפּאַני" ! „סטאַנדאַרד־אויל" ! „שעל" !
בולטע רמזים אויף שטאַרקשטראָמען פֿון גאָלד
וואָס באַוועגן אין טויזנטער ריכטונגען
יעדע צעל אינעם אָפּגרונט פֿון האַפֿן.

טעכניק און ווירטשאַפֿט האַמערן ריטמען,
פֿון פֿאַרן פֿאַרעט וואָכטאָג און ווערק.
געאָמעטרישע פֿיגורן, פֿאָרמולעס גייסטערן,
זעלטזאַמע טענער, לויט זעלטזאַמע שליסלען
אין אַ נייער ריטמיק אַ מעכטיגער טעקסט !
פֿון מינוט צו מינוט קרעסצענדירט דאָס טעמפּאָ
אַ דישען און סאָפּען צישט אין רוים
פֿאַרצויבערטע מייסטער דרייען פֿאַרבאָרגענע שרויפֿן
האַמערן אין דראַמאַטישע בלעטער פֿון אייביקייטס־פֿאַרמעט
אין טעכנישע היעראָגליפֿן, אין קאָנסטרוקטיווער פֿרעגנאַנץ
אַ ברויזיגן האַמער־געזאַנג !

## א נאכט אויפן ים

מעווער פלאַטערן אויף די ברעגעס,
גליצערן זילבער אין דער לופט,
וואַרפן זיך אין ווייכן שווונג,
ווינט־קאַפּריזן אויף אַ שפּרונג,
כדי אַ ווייל זיך צו באַזעצן
אין די נעצן פונם ים.

אין די מאַסטן שפּילט אַ ווינט,
מיט בלאַנקע אויגן זוכט מיין ליבסטער די יבשה
וואָס צערינט,
פון וואַלן אויפגעזויגן,
שימערט בונט אַ רעגן־בויגן.

קוקט מיין ליבסטער אַ פּאָרטראַכטער
און פאַרהויכט אַ שטילע תפילה
אין דער טונקלער נאַכט אַריין:
„דו שיטסט דיין זילבער, דיין סגולה,
אַ האַרנטע פון אַלע פלוטן,
אין די טונקעלע, ווילדע לאָקן
פון פאַרשייטע וואַסערנימפן —
כ׳בין דערפרייט, כ׳בין דערשראָקן,
זיי לייגן זייערע זיסע אָרעמס
אויף מיין יונגן ברוינעם האַלז,
זיי לאָקן מיך מיט דיין געוואַלט
אינם קרייז־רינג פון אַ שטורעם — "

טעמפּט דער ים זיין מאַט מעטאַל,
אַ בלאַסער שטראַל נאָר זילבערט העל,
צישט —
און לעשט זיך מיטאַמאָל.
טויב געברויז,
געבראָכן ברומען,
פון טונקלען שויס,
פון טיפן קומען...

שוועלן, שוועלן קומען נענטער,
ווייסע שויסן שוימען גישט,

שטיל און זילבער־רויש באַהאַנגען,
אין קרוינען טיף־שוואַרצן אַניקס
איז ערגיץ נאָנט די נאַכט געפאַנגען...

אַ רינגל־ראָד פון ווייסע עלפן
טאַנצט אין קרייז אַ קאַראַהאָד,
שוועסטער־ניקסן, וואַסער־געלסן
טאַנצן אַלע מיט אין ראָד —
זינגען:
„דיין יעדער גליד לייכט מאַט עמאַל
בוים־שטאַרק שטראַצט דיין יונגער אָרעם,
שריט אויף שריט איז גרייט אַ הייל
נענטער זיסער, ס׳פייפט אַ שטורעם...״

מיין ליבסטער זיפצט מיט שווערער שטים:
„כ׳האָב ליב די נאַכט, די טונקעלע נאַכט.
אינמיטן העלן טאָג, ווען אַלץ אַרום איז וואַך,
די זון שיט גאָלד פון יעדן ראָג,
בענק איך שטיל און איך טראַכט —
זילבער צושיטן בלויע לבנות,
בריליאַנטן צוגליט די טיף־שוואַרצע נאַכט...״
„נענטער, נענטער, זינגט די שענסטע,
דיין יונגער גוף איז עלפן־בייז,
דאָס ליכט לייכט רויט פון בלאַנקע פענצטער
און אונטן בליט גאַנץ יונגער ווייז...

שש! רואיק, רואיק, זיסער, ליבער,
די שטורעמס פון די ימים ליגן פלאַך צו דיינע פיס,
אַלע האָב איך איינגעזאַמלט, באַוואָפנט מיט אַ לאַנגן שפּיז
אַנגעגאַרטלט מיט אַ שילד
געבאָרעט זיך מיט יעדן ריז —
טויזנט בעצן אויסגעוואָרפן
ווי זעגעגן מעכטיק איינגעפענט.
אַלע וועגן אויסגעטראָטן
זיי זעגען שטיל אין דיינע הענט...
נאָר היט זיך ליבער פאַר דער נאַכט
ווען דו זעסט דאָס ליכט גערינען,
אין דער פינצטער אומבאַוואַכט
ווייסע חברה אין באַגינען...״

כ׳האָב צולאָזן יונגע ווינטן און געהייסן זיי צוציבדן
אַ פלאַם־פייער אויף די כוואַליעס —
הייזעריק שרייט אַ יונגער גייער
ער וויל אונז ביידע איבערשרעקן —
ביין! ביין! ביט באַדעקן
דיינע ביידע שוואַרצע אויגן —
ווען פאַרוואונשענע ליכטער גליען,
אַ רויטע באַכט איז אויפגעשטויגן
און אַלע מיינע רויזן בליען...

דיין הויט איז געוועבט פון פאַרזיגלטע ליפּן,
זיי זויגן זיך איין אין מיין הויט —
ליניעס רונדן זיך צווישן די ריפּן
האַלבריינגן לויזע, געטאָקטע פון גאָלד,
און אויערן גראַצילע, האַלב מושליע האַלב חיה
זיי האָרכן, זיי שפּילן.... באָר וואָס איז די ראיה...?

אויסגעשטרעקטע וואַסער־בערג ברעכן זיך די רוקנס,
קראכן שוים און פלוט,
שמידן בונטע זאַלץ־בריליאַנטן
אין פארציקטער גלוט...
און טויזנטער קאמען, און רייטער און פערד
פאַרוויקלען די באַבען פאַרויס און פאַרקערט
און בויען פאַלאַצן אויס בלויעם קרישטאָל
און חזרן זיך איבער טויזנטער מאָל...

„דער ים ברילט, זיפצט מיין ליבסטער אין פיבער
שעמעוודיג פאַרהילט צושלאָגענער שוים
טויזנטער אָפענע מיילער,
אַ ווינט פייפט און שפּילט,
אַן אויפמאַרש פאַר רייטענדע בערג,
איבער פאַרכשופטע טעלער
טומלען זיך פייערדיג צופלאָשעטע פערד...״

„דער ים שרייט, פליסטערט ער בליך,
אין טויזנטער קרימונגען שפּייט זיין גיגאַנטישער גוף,
פארצערט גראָטעסקע פיגורן,
זיי שבעלן פאַרציקטע צום הימל.
אָט קייקלען זיך שנורן צושאָטענע קרעלן
און טראָפּנס פאַרגליווערטע ווייסע בריליאַנטן
שפּריצן קאַסקאַדן אין ליכט —

און ערטערווייז טונקלט דער ים די קאָלירן
באַר אַקוואַמאַרין דאָמינירט...״

דאָ קומט אַ מחנה שרייטעלעך
כמה טויזנט אויפאַמאָל,
פּאַטשן אין די הענטעלעך
זינגען אויפן קול —

מאַסקע, מאַסקע, פּעטע שטאָל
פּלוט־צוטאָפּעט, שטראָמגעבראָכן,
קאָכט דער כישוף פונם טאָל
שלאַנגען ליגן אין די וואָכן...

מיט אַן אימפּעט יאָגט אַ קרייז —
אַ ווייסער עיגול אָן אַ שיעור —
אַנדערע לויפן אין געלייז
איינער רייסט די טיר,
באַוועגונג שטרייפט אין לויף אַ פאָרעם,
מעסט זי אָן,
אַנטלויפט,
ווערט געבוירן אָן אַ נאָרם,
ווערט צושלאָגן מיט אַ שטויס...

חיות טומלען זיך אין רויש,
מאָנסטערס פאַלן פון די פיס,
כוואַליעס ברעכן זיך פון שויס,
נעפּטון טראָגט אַ רויטן שפּיז...

טונקעלע לייבער פרעסן זיך,
שפּאַטען זיך אין שפּאַן,
וואָגלען זיך און ווערן זיך
אין בעט פון אָקעאַן.

„העלגרינע פייערן ברענען אין דער נאַכט —
פליסטערט מיין ליבסטער אין פיבער.
לאָזן ניט רוען, האַלטן מיך וואַך,
און טונקלזאַט־וויאָלעטער פלידער
און די וועליקע וויגן פאַר מיין פענצטער
ווייסע נימפן ליגן
אין ווייכע דעקן איינגעהילט
גאָלער, ווייסער הערמעלין...״

שטייגן וועגט און פאַלן איין,
פלאַמען ווייסע ציגגלען זיך,
ווינט און וועלן אין געוויין,
שוואַרצע שלאַנגען ריגגלען זיך.

„אַלץ שוואַרצער שפּרייט די נאַכט איר שאָטן
ליבסטער היט זיך פאַר די ווענט,
דער הימל האָט דעם רוים פאַראָטן,
די נאַכט אין קייטן איינגעפּענט...

אין סאַנדהאַלן־זיבן־מיילן
און אין שאַלן גרין געוועב
טאַנצן שדים אויפן ים,
שפאַנגען פאַלן אין די היילן,
זילבער־גירטלען פון די היפּטן,
טאַנצט אַ רויטער באַקכאַנאַל!
אין דער וויג פון שרעק און שטורעם
בליץ און דונער אין פינאַל!

„רבונא דעלמא, דעלמא כולי!"
מיין ליבסטער גליטשט זיך אויף די קני'
דיין צאָרן רוישט אין אַ בהלה,
ווי וויט די נאַכט ביז אין דער פרי...?"

„דיין נאַכט איז לאַנג
און אָן אַ בריק,
און טיפער, שוואַרצער פונם ים.
פיר מיך דו אַליין צוריק,
זאָג צו איז אַ ברעג פאַראַן...?"

גרימיק שטייגן הויכע ווענט,
פון טויזנט נאָרעס שוועלט דער ים,
אַ תפילה שטאַרבט אין פרומע הענט
און פאַרפלייצט איז יעדער דאָם.

*

איבערן ים זינגען געצויגן טויזנטער האַרפן.
אויף פינגערשפּיצן הוילע, באָרוועסע צאַרטע
טופּעט דער מאָרגן
איבער איינצעלנע סטרונעס
פון זונען־גאָלד פאַרבאָרגן
פרום,
מיט כוונה
פאַרציטערט אַ קלאַנג
פאַרהאַלטן און באַנג...

אַ יונגער פּאַסטוך דראַפּעט זיך אויף אַ פֿאַר׳כישופֿ׳טער לייטער
בלאָזט אויף אַ פֿלייט
און דערגייט צו זיבן געשלאָסענע ריגלען פֿון הימל — —
אָבאָען ברויזען אונטער אַ כמאַרע
דאָס אָפּגעשוואַכטע ווידערקול פֿון דער נאַכט,
שופרות בלאָזן, מאַכן אַ וואַרע.

מיין ליבסטער דערוואַכט און טראַכט
„מיר בלאָנדזשען אויף אַ וועג אָן אַן אָנקום — —
אַ גאַנצע נאַכט האָבן שטערן געוויינט
און טרערן האָבן ווי רעגן די וועגן פֿאַרווישט...“

# ווין

ס׳איז מיטערנאַכט,
מיטל־אַלטער־מיטערנאַכט,
פון מדבר דער פּעהן און טערקישע האָרדן,
שלאַכטן־רעפריין ;
און ווין אויף דער וואַכט פון אייראָפּא —
גאָטישע שפּיצן שטעכן דעם הימל,
גאַסן פּלאָנטערן זיך „אַם האָף״
אין דער סטעפאַנס־דאָם קלינגט מעשן
צוועלף האַרטע קלאַנגען אַריין אין געטומל
פון גראַבן.

דער וועג איז ווייט פון וואַטיקאַן
צו ראָקאָקאָ, צו פיגאַראָ, צו מאָצאַרט,
נאָר אייגן שטייגט אין פּאַטינאַ
די קופּל פון דער קאַרלסקירך,
אייגענער דער תּפילה־הימן
און „רעקוויעם״ און „מילערין״,
און שובערטס האַרץ צום הימל.

צומאָרגנס קלינגט דער סטעפאַנס־דאָם
אַ פריע שעה.
די קופּל־דעכער גליען,
אַ הימל לייגט זיך בלוי און גראָם,
פון אַ טורעם שרייט אַ קראָ,
איבערן ברייטן דאַנוי־שטראָם
איבער גאָטיק און באַראָק,

זויעט אַ מזרח־פּעהן.
און מיין אויג אויספּיעט קוים
מיטאַמאָל אַרומצונעמען
דעם גלאַנץ פון טירקן־שאַנץ
די האַרבקייט און די טראַנס פון פּאַרק,
די בראָנזענע קראַפט פון שוואַרצנבערג,
די בונטע פּראַכט פון נאַשמאַרק.

אַ שימער שפּרייט זיך איבער ווענט,
און פאַרגייט אויף שינדל־דעכער,
איבער קאַכליעס און צעמענט
שטייגן שפּיצן־טורעמס העכער,
שלייערס שפּינען אַ געוואַנט,
אַרשינען־ברייטע גאָלדן גלימען
ווייט צוואָרפן איבערן ראַנד
פון שטאָט —
ביים באַלהאָפּס־פּלאַץ דער „ראָזן־קאַוואַליר״
שטייט אָקערשט פאַר דער טיר...

דערזעלבער זילבער פון דער דאָנוי,
אין טונקלגרינעם שויס,
אַלע וועלן נייע קוואַלן,
רינגל־ראָד און יאָזעף שטרויס.
און דאָך האָט אַלץ זיך אויסגעביטן
אויפן קלינגעלט פון דער צייט,
דער שאָטן־רינג האָט נייע ריטן
און דער הונגער איז ניט ווייט...

דער סטעפאַנס־דאָם איז אויסגערופן,
קלינג־קלאַנג, קלאַנג־קלינג
באַרגאַראָפּ מיט אַלע שטופן
פאָרויס גייט דער שאָטן־רינג...

. . . . . . .

ס'איז נאַכט, ס'איז מיטערנאַכט...
גאָטישע שפּיצן שטעכן דעם הימל,
די בורג פאַרבייט די וואַכט.
און דער סטעפאַנס־דאָם קלינגט מעשן
צוועלף האַרטע קלאַנגען אַריין אין געטומל פון גראַבן...
נאַכט. מיטערנאַכט...

# פראג

ווינטן בייזע אין די וועלדער
— פלעגט די באָבע צו דערציילן —
פלעגן יאָגן איבער פעלדער
און זיך נאָרען אין די היילן.

גענוען אַ מאָל אַ גרויסער מלך —
די פּאַטשיילע אויפ׳ן אויער
הויבט די באָבע אָן פאַמעלעך
און פאַרריגלט פעסט דעם טויער.

„פון ליבוסא — בעט זיך סטאַשעק
אין די וועלדער פון די בעהמען
פון רוסאַלקעס און פון וואַשעק
וואָס האָט קיין מורא ניט פאַר קיינעם" — —

זינגט די באָבע: „שלאָף וואַשענקאַ,
די הירשן לויפן פונ׳ם וואַלד
און די מאַלדוי פלעגט צו טרענקען
פערד און וואָגן קו און קאַלב — —

נאָר ליבוסא די בת־מלכה,
מלא חכמה, מלא חן,
האָט אינאיינעם מיט רוסאַלקעס
אָוועקגעלייגט דעם ערשטן שטיין.

און זי טוט זיך באַלד פאַרמעסטן
די פּראַהאַ צו שטעלן די ערשטע טרעפּ
פאַר אַ מלכות, פאַר אַ סצעפּטער,
פאַר אַ קרוין פאַר אירע צעפּ.

און אויף פעלזן הויך אויבן
שטייט נאָך עד היום דער שלאָס,
(דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן
די געשיכטע יאָהאַן הוס).

נאָר וויפיל יאָרן זיינען פאַרפאָרן
זייט ליבוסא האָט געטרוינט.
ניט קיין ראיה ניט קיין משל
קען דערווייזן וואו זי וואוינט.

שלאָף־זשע ליובאַ — שלאָף וואַשענקאַ,
די הירשן לויפן פונ׳ם וואַלד
און די מאַלדוי זי פלעגט טרייבקען
פערד און וואָגן קו און קאַלב...

*

בלוי־בלאַנק און טיף שניידט דורך די מאַלדוי
מיט אַ זילבערנעם גריף, די פלאַכן פאַרגאָלדט
דעם אוראַלטן וואַלד פון זאַפטיקן בעהמען,
אַנטשלאָסן און קאַלט איבער קוסטן און שטיינער
גיסט זיך דער שטראָם, אַריבער אַ תהום באַרג־אַראָפּ.

די שווערט ווערט אַ האַק, דער גריפל אַ זעג פאַר די בוימער
פאַר דער שוועל פונ׳ם דאָם, דעם אָנהויב פון פראַג,
דעם צענטער און שומר פון גאַס און פון שטוב
די היים פאַר׳ן פאָלק, פאַר׳ן לאַנד פון די בעהמען...

אויף הונדערטער ברעג וועבט זיך דאָס ווערק,
וואָג און קאָנקרעט
שפינט זיך דער טרוים, שפרייט זיך די שטאָט ווי אַ ראָד
אויף יעדער זייט ברעג פון דער מאַלדוי...

קאַפולעס פאַרזיגלען דעם זשעסט פון מלכים,
מיטלאַלטער גליווערן דאַמען, פרעליכע פאַלטער
פאַר׳כישופ׳טע גנאָמען,
זשומען ביז היינט אין פאַרצויבערטע גאָרטנס,
און מוטיקע דורות שמידן געשיכטע פון פראָג.

אויף מויערן הענגען אַראַבעסקן פון עבר,
איינגראַווירטע פרעסקן אין די ווענט,
פאַרזיגלטע ספינקסן פון אוראַלט געשען
שלאָפן אין קברים.

דער גורל איז וואַך!
זיצט אין די שייערן,
שלייכט זיך אַוועק,

ציַנדט אָן די פּייערן
שפּרינגט אויף אַ העק
און חתמ׳עט צומאָל אַ סוד אָן אַ צורה...

העֶר הראַדשין סטערטשעט שטראָם
אַנטקעגן דעם דאָם,
באַרג אַרויף שטאָפּלען זיך הייזער און מערק,
דראַפּן זיך, בויגן אַריבער אַ תהום
אַלכימיסטן־ באַוואוינען צווערגן צופּוסנס.

ווישעהראַד און פּעטרין!
שטראָמגעבונדן איבערן הראַדטשין
שלאָגן פון טורעם די שטונדן.
פּאַלאַצן און קלויסטערס טונקען איין גרויסע קוליסע
אין דער טיף פון דער מאַלדוי.

אָן ממשות און ווירקליך,
ווי דער גוף פונ׳ם גולם
וואָס שפּאַנט מיט גיגאַנטישע שריט
איבער׳ן בית־עולם,
איבער דער אַלטשטאָט פון פּראַג,
שפּאַנען די בריקן
אין אַ באַוועגטן טראַקט
איבער׳ן שטראָם.
הייליקע און מערטירער ברענגען אין פּאַרציקן
דאָס וואָרט
צו די פעלקער פון פּראַג.

על־תנאי־שול, אַ פּאַר׳כישופ׳טע
אַ געבויגענע זקנה
שלאָפט דורכ׳ן גאַנצן העל־ליכטן טאָג,
נאָר שבת צום לייענען
צו דער תורה גערופן שטייט אויפ׳ן בעלעמער
דער גרויסער רב און לייענט:

„ועתה אם שמוע תשמעו בקולי...
און אַציַנד אויב צוהערן וועט איר צוהערן
צו מיין קול
און איר וועט היטן מיין בונד
וועט איר זיין מיין באַזונדער אייגנס
פון צווישן אַלע אומות;

און איר וועט מיר זיין אַ קעניגרייך
פון כהנים און אַ הייליק פאָלק״.

צו האַלבער נאַכט אָבער וואַכט זי די שול,
וואַכן צו חצות די מויערן שטיינער,
טויערן רירן זיך, שאַרן זיך וועגט
וואַנדערן קיין מזרח דעם וועג אויף צוריק
הערט זיך אַ מזמור, על תנאי איז די בריק...

*

דערוויילע שטורעמען ווייען איבער די' וועגן פון פראַג.
אונטער קירכן־טורעמס פלאַקערט געשען,
אונטער טויערן פאַראַט און טאַט,
אויף פאַנען געצייכנטע אמונה,
גלות פון פאַנאַטיזמען.
אַלכימיסטען־חלומות אין פריזמען
פון לויטערן גאָלד!
גורל־טרעכטיקע מויערן פרעגן דעם טייטש
ביי דער נאַכט.

דעמאָלט באַפעלקערן די גאַסן פון פראַג,
קעפלער, טיכאָ בראהע, דער מהר״ל,
וואָס מעסטן דעם גאַנג פון די שטערן,
און מרדכי מייזל דער ראש הקהל — —
זיי זיינען עולה צום הראדטשין
איבער מילכוועג און מלכות
און זוכן אַ זין,
מעסטן דעם וועג צו די ספערן...

און אַלץ נאָך שפּאַנט דער גולם איבער די גאַסן פון פראַג.
איבער על־תנאי־שול און בית־עולם
שפּאַנט ער, דער גייסט פון די תקופות
איבער פולווער־טורעמס און בריקן,
טויזנט געשטאַלטן דריקן אַ חותם,
געוואָלטן טויזנט ווערן פאַרשטיינט...

קאַרלס־בריק און טיין־קירך און היינט!
בערג און טאָל און טייך!
גרין־זילבערן שטייגט די רחבות פון וואַסערן,
פון שיפפאַרט באַוועגט.
און מיט איר די ערד! ברויינע פרוכטבאַרע ערד וואָס שאַפט,
וואָס באַגערט...

בוימער אין טונקעלער שווערקייט,
אין גרין־גאָלדענער צאַרטקייט ווי מאַי־טאָג,
און פינסטערע וואָלקן פון הימל,
וואָס שפּינען פּאַטינאַ און שימל
אויף קופּל־דעכער פון פּראַג!

*

דער צויבער צעריסן!
די פאַר'כישופ'טע וועלט רייבט זיך די אויגן,
טויזנטער שלייערס פאַנאַנדערגעצויגן,
דער גולם איז אַנטרונען,
און ראַבאַט שטייט ווי געפונען אינמיטן פון עולם!
גלייך ער וואָלט תמיד געדרייט אַ טורבינע,
גלייך ער וואָלט שטענדיג געווען אויפ'ן מאַרק!
ווענצל־פּלאַץ טראָגט אויף אַ טאַץ
גאַנץ איראָפּאַ.

יעדע גאונות פון לונאַ־פּאַרק!
וויטרינעס, פּאַסאַזשן, שילדער, רעקלאַמעס
אַ געדיכטער שינען־נעץ, וויטראַזשן!
ווילדער סירענען־רוף, גיהנום, הימל און ליכט־רעפלעקסן
און אַט זיינען טעקסטן — —

אויפ'ן פּלאַסטער שפּאַנען שטיוול,
בייטשן פייפן מיט'ן צוג,
שפּאָרן, העלמען, האַקן, גריפן
וואָיען, גרילצן אויפ'ן ברוק — —

אַצינדערט קומען די סודעטן,
מיט האַקן־קרייץ, מיט דריל,
האַרטע פויסטן, באַיאָנעטן
אין אַכציג מיליאָנען מיל — —

פּלאַקאַטן שרייען!
דער בעהמער־וואַלד וויינט
סלאָוואַקן באַנייען דעם גייסט וואָס פאַרניינט.
היטלער אין פּראַג, פּאַשיאַ און האַק,
דער הראדשין אין אַ זאַק
זיצט אויף דער ערד.

# פלאָרענץ

ברודער פייער, גאָט האָט דיך שיין געמאַכט
און נוצליך און שטאַרק,
רויטע בלומען דיינע פלאַמען גליען אין גן־עדן,
לויטערע גאָלד, פונקען פון באַרג
שפּריצן לויב־געזאַנג צום הימל,
ליכט ביזטו אויף דער ערד,
זיי גוט און זיי גנעדיק צו מיר...

פראַנציסקוס פון אַסיזי
ליגט אויף די קני,
דער שטערן בויגט זיך טיף
טרערן באַנעצן פּליזן פון „סאַנטאַ קראָטשע“
די נאַכט אַדורך, ביז אין דערפרי...

שטרענגע ווענט פון גאָטס־פאַרכטיגן הויז
וואַרענען און זייגען גוזר —
לייענען און טראַכטן!
טייטשן און תשובה טון!
און אומשטערבליכע הענט
פאַרצייכענען און שרייבן:
אַלץ און אַלע,
זיבען און זאַכן,
דאָס פאַראַנענע, דאָס געדאַכטע,
זייענען אַנהויב נאָר,
דער גרויסער אלף־בית פון אין־סוף...

און ער, דער הייליקער, ווייסט,
מלכים גייען אַרום אויף דער ערד,
לויטער מלכים,
נאָר ער ווייסט ניט, צי איז ער עס ווערט
זיך צו בויגן פאַר זיי...
יעדער וואָלף אַ פּרינץ און אַ ברודער,
יעדער מענטש אַ מלך,
דער מינדסטער שטערן
זון און לבנה,
ברודער און שוועסטער...
דער פייערדיקער שפּיז אַפילו
וואָס צערייסט זיינע אויגאַפּל —
„ברודער פייער, זיי גוט און זיי גנעדיק צו מיר...“

הנני העני ממעש...

פריילעך דערנעבן, שטייט
העשיר במעש, דער הירטן־יונג דזשיאָטאָ,
מאָלט און מעסט,
פאַרעמט און בויט
חלום און לעבן, ווילן און ווידזיע
מיט זיין גרויסער פויערים־האַנט.

פרינצעסין עניות אין אַ רויט געלאַטעטער קלייד,
שפרייזט פון לאַנד צו לאַנד,
מיט גרויסע, גרויע פליגלען,
די כלה צניעות אין אַ טורעם געפאַנגען
פון מלאכים באַהיט
און געהאַרזאַם אַ יאָך אויף די פּלייצעס געהאַנגען,
לייגט די האַנד אויף אַ ספר...
פאַראַנגען פון וואַנען צו שעפן,
די וועלט איז גרויס
און גאָטס וואָרט טיפער פון ים...

דער בטחון געזייט און געשניטן
אויף די קאָרנפעלדער פון טאָסקאַנאַ,
צייטיגט מאָדנע געבליטן...
„אין כל חדש תחת השמש..."
סענט לוואיס איז געגליכן
צו כורש מלך פרס,
פון גאָט געשיקט זיין פאָלק אויסצולייזן,
צו בויען גאָטס הויז
אין עיר הקודש ירושלים...

„איך וועל גיין פאַר דיר
און מאַכן די קרומע וועגן גלייך,
איך וועל צוברעכן אויף שטיקער די מעשענע טויערן,
און איך וועל פאַנאַנדערשניידן די קראַטעס פון אייזן,
איך וועל אויפטון פאַר דיר די אוצרות פון חושך,
די פאַרבאַהאַלטענע רייכקייטן פון פאַרבאָרגענע פּלעצער,
כדי דו זאָלסט דערקענען,
איך בין גאָט דער האַר!
איך וועל דיך רופן ביי דיין נאָמען,
איך גאָט פון פאָלק ישראל!

איך האָב דיך באַוואָפנט, דו זאָלסט מיך דערקענען!
לויטן אויפגאַנג פון דער זון
און לויט שקיעת החמה,
איך פאָרעם דאָס ליכט
און איך באַשאַף די פינצטערניש,
און איך האָב אים דערהויבן צו גערעכטיקייט!
כדי ער זאָל בויען מיין שטאָט
און אויסלייזן מיינע געפאַנגענע
אָן באַלוינונג און אָן שכר"
זאָגט גאָט דער האַר פון אַלע פעלקער...

*

קינדער שפּילן זיך אויפן שוועל,
שפּילגעצייג און צלמים שטייען אין די וויטרינעס
מחלוקת'ן גייען אָן אויפן גאַס פון פלאָרענץ,
גרעלפן לויערן אויף גיבעלינען,
גאַסן געשפּענצטערן פון האַס,
אין ווינקלען אויפן מאַרק
גייסטערן בלייך מידות פון שנאה
אויף די וועגן בלאַנקען געשפּענצטער,
דראַפּען זיך אויף טורעמס און ווענט,
אַ פאַרבלאַנדזשעטע ליכט פון אַ פענצטער
באַלויכט ציטעריק קאַרג
פאַרבראָכענע הענט פון די פרויען...

יונג דאַנטע איז דערביי
און פייערלעך שווער שלאָגט אויס דער זייגער
אַ פריע שעה פון אַן אַלטער אבביי....
איבערן אַרנאָ שטרעקן זיך בריקן
פאַרדאָפּלען זיך אין טייך
און רוקן אַריבער פלאָרענץ
צום אַנדערן ברעג.
דישיאַטטאַ'ס קאַמפּאַנילע,
די ליליע פון פלאָרענץ
איז דערווילע אַ ווידיע,
נאָר די ווייטקייט פון דואָמאָ
שפּרייט זיך אין רייכער, ביזאַנטינישער פאַרהילונג
אַריבער דער פּיאַצאַ.

פלאָרענץ איז יונג, איז זעכצן־יעריק,
ווי האַנטעס בעאַטריטשע
יעדער בירגער אַ געליבטער,
מחנות פליען, קעמפפען, גליען
פאַר דער טייערער פרוי —
דער זיגער לייגט אין חרם דעם באַזיגטן...

ווינטן וויען; פרילינג, מאַי,
און האַנטע זינגט אין „וויטאַ נואָוואַ"
דאָס איינמאַליקע נייע,
איבערגעוועלטיקט און באַוועגט
פון דער דערשיינונג בעאַטריטשע,
וואָס דערוועקט נית קיין קנאה ביי די פרויען
ווייל זי שטראַלט אַזאַ הויכע ליכטיקייט איבער זיי...
און ער באַשווערט זי און איז זי מטריח,
זיין וויזיע בעאַטריטשע
פון אויבן אַפילו, פון „פּאַראַדיזאָ"
און זי הערט אים און זי וואָרנט,
און זי טרייסט אים און זי באַלערנט :
„און איך זאָג דיר, פרעג נית,
וואָס דו וואָלסט קוים פאַרשטיין,
ווייל איך האָב געזען
אז יעטוועדער וואָך
און יעטוועדער ווען איז איינס,
תמיד איז אצינד,
און אומעטום איז דאָ
און זיין גלאָררייכע מאַכט
וואָס דערקלערט יעדע שעה
איך בין !
שמים דו ! ארץ דו ! מעלה דו ! מטה דו !"

*

פלאָרענץ איז זעכצן־יעריק
ווי יונג בעאַטריטשע,
באַנק און בערזע און געניטע הענט
פון די מעדיטשי,
קאָזימאָ, „פאַטער פאַטריע"
קלויבט, בויט, פאַרשווענדט

מיט וואויל קענעוודיקע אויגן:
ווערטן, קונסט און קענען און געלעהרטע
שטייען אלע אין זיין זאלד,
די וועבערצונפט אין דער וויא דעלע לאנא
וועבט אויס פון גאלד
דאס רוקן־מארק פון שטאדט...
און דאנטעס הייסער אטעם
גליט אויס א רויטן ווינט.
ס׳פייפט דער בעקער־יונג,
ס׳זינגט א יעדעס קינד,
קלינגען די קאנצאני
מלא גרייזן, מיט כונה,
הארציק און מיט שוואונג.

*

שענער באך ווי שיין מוז זי זיין
און הייליק,
און לויטער חן —
פרא־אנדזשעליקא חלומט, דענקט,
ווי זיס זי איז,
יונגפרוי מאריא,
און ער ווײנט...
„ווי גרויס איז דיין גענאד, גאט,
ווי הייליק די זכיה פאר איר מיידלישן לייב
צו ברענגען פארן מענטשן
דעם מענטשן־זון...
מלאכים בענטשן זי און זינגען,
גאט איז גרויס אין זיין הימל,
און זיין וועלט איז שיין און כל טוב...“

דינט פרא־אנדזשעליקא אין באגרענעצטער תמימות,
עקסטאטיש זיין רוף,
פארגיסט באכן טרערן דער גלארדייכער קנעכט
בעת ס׳מערן זיך מלאכים,
שיינע, באחנ׳טע פון זיין געטלעכער האנט
וואס ווייסן ניט פון שלעכטס,
זינגענדיג שירה,
תפילה, לויבגעזאנג
צו דער הייליקער קרוינונג
פון יונגפרוי מאריא...

ווי אַפֿט האָט סאַוואַנאַראָלאַ
זיך איינגעהערט אין יענע קלאַנגען,
ווען דער שטאָל פֿון זיין בליק
איז געהאַנגען איבער פֿלאָרענץ ?
ווען אין סאַן־מאַרקאָ
האָבען קינדער זיך פֿאַרביטן אויף קריגער
און זייערע קולות האָבן געטראָגן
איבער גאַסן, אַ בהלה —
הבלים ! הבלים... !

ווענוס שטייט אַ באַקעטע
אויף אַ מושליע פֿון ים,
וועלן טאַנצן,
דער ווינט שפּילט אין די האָר,
יעדע ליניע זינגט באַוועגונג,
באָטיטשעלי הערט ממש אויפֿן וואָר
ווי זי קלינגט...
די פֿאָרמען זיינען מוזיק,
די פֿאַרקערפּערונג פֿאַרזינקט
צווישן די ליניעס...
הבלים !

מאַרס שטייט אַלץ נאָך אין צענטער פֿון פֿלאָרענץ,
עטרוסקישער זאָמען בענטשט די ערד,
פֿון אַ טיפֿבלויען הימל ברענט
די זון פֿון טאָסקאַנאַ,
שטרויענע היטלען פֿון גאָטס גאָלדענעם שניט
געפֿלאָכטן פֿון די הענט פֿון יונגע פֿלאָרענטינער
זיצן אויף פֿאַרשייטע קעפּ.
און אינדערמיטן רייט
לאָרענצאָ דעי מעדיטשי, דער געליבטער טיראַן,
אין שכרות פֿון פֿאָלקס־קאַרנאַוואַל.
זיינע לידער פֿון לעבן און ליבע
אויף די ליפּן פֿון יונג פֿלאָרענץ,
אין אויגן, אין הערצער זאַפֿטיגע טריבן
פֿון לוסט און פֿון לייד...

הבלים ! דונערט דער אַרצענער קול
סאַוואַנאַראָלאַס אין דואָמאָ.
נאָך איז די רוט פֿון גאָט אויסגעצויגן,
נאָך הענגט די שווערט הויך אויבן פֿון הימל !

און הערלעך, אויף זיין ווייסן, אַראַבישן שימל
רייט לאָרענצאָ, דער פּרעכטיקער,
מיט זיין סוויטע
די אויסדערוויילטע גייסטער פון פלאָרענץ,
פּאָליציאַנאָ דער דיכטער אינמיטן,
פּיקאָ דע מיראַנדאָלאָ אים צו דער זייט,
(זיין איידעלער גוף אפּהענטיק אין זאָטל)
און ביט וויט
מאַרסיליאָ פיצינאָ און אַלע אַנדערע,
הונגעריק נאָך שיינקייט, דורשטיק נאָך ליכט,
זיי וואַנדערן קיין העלאַס.
ביין זיינען זיי,
צו די ביין מוזן געגליכן,
זוכן זיך אין פּלאַטאָ,
נעאָ־גריכן
וואָס גאַרן נאָך שיינקייט
ליבע און לעבן,
און דינען לעת עתה
הערלעכע ערדישע טריבן...

זאַנפט זיינען זיי און רונד די היגלען
און זאַפט־גרין די וועלדער אין פיעזאָלע,
די באַדיאַ עפנט די טויערן מיט אַ ברייטן ברוך־הבא,
פון מויערן הענגען געבליטן און קרענץ,
דער מאַרעך פון פלאָרענץ מישט זיך מיט קירכן־ווירדויך
און שטייגערט ויכוח און וואָרט.
און די ביין פון דער אַקאַדעמיע זעען ביט,
מראות פלאַטערן דאָ אויפן אָרט,
זיי הערן ביט די קלאַנגען
דאָס רוישן פון געזאַנגען —
זיי גליען און דיכטן
און ווערן זיך פאַר פינצטערניש.

וועגוס און שירה
הערשן אין אַלט־נייעם העלאַס,
ס׳קלינגען די לירעס,
האַרפן פאַרציטערן
געבוירט און יאָרצייט צעלעברירן
אין יראת הכבוד פאַר פּלאַטאָ די ביין.

די אַקאַדעמיע באַנייט דעם קולט,
באַזעצט דעם ביוסט פון פּלאַטאָ
אויף אַ הויכן פולט אין דער ווילא קאַרעדזשי,
לשם שמים פאַר אַ נייער אמונה...

*

סט. פעטערס שטול אין די הענט פון די באָרגיאַס!
דער ערדישער זיץ פון קריסטנטום פּראַכט־געבלענדט,
פלאָרענץ געלאָקערט אין אירע מידות,
פּראָוועט קאַרנאַוואַלן
טאַנצט אין אירע אייגענע שטריק,
באַרג אַראָפּ גייט די ירידה,
דעם מאַרק פאַרפלייצן גריכישע שיטות,
מינצן, בעמען, פּיעדעסטאַלן
פאַר העלאַס!

ברודער דזשיראָלאַמאָ קוקט מיט פינסטערער גלוט
דורך ענגע פענצטער פון סאַן־מאַרקאָ,
אַנדזשעליקאָס מלאכים טרויסטן ניט
אַריסטאָטל ניט,
טאָמאַס פון אַקווינאָ גיט ניט קיין מוט,
און ער הערט שריט,
פון משפט און פון שטראָף...

פלאָרענץ זיצט פריילעך אין גאָרטן פון איר טאָל
ווייך, פאַמעלעך וויעט אַ ווינט אין די איילבערט־בוימער
די איז באַצירט מיט אַלץ וואָס איז שיין און נאָבל,
מיט אַלץ וואָס מפרשים טייטשן, און טרוימער צויבערן
אַרום דעם סויבל פון איר טאָגאַ...

און דריימאָל רופט דער פּריאָר פון סאַן־מאַרקאָ
אין פּיין,
וויי! וויי! וויי!
דריי זאַכן מוזן געשען —
גאָטס קירכע מוז דערנייערט ווערן,
איטאַליע געציכטיגט,
און די דאָזיגע שטאָט אויסגעלייזט ווערן,
און טאַקע תיכף ומיד!
ער פּרעדיגט,

ער איז מתפּלל.
דער דואָמאָ געפּאַקט,
אַטעמלאָז, שטיל
שלינגט דער עולם דעם גרויענהאַפטן אמת,
יעדער זאַץ אַפּגעהאַקט,
ניט געכאָוועט.
אַלץ איז טמא, רופט סאַוואָנאַראָלאַ,
דער הייליגער סעבאַסטיאַן, די הייליגע מאַגדאַלענאַ נאַקעט,
ווי ווענוס און אַפּאָלאָ,
דאָס בייזע באַזעצט זיך ברייט
איבער גאָטס הויז —
אָבער די שטראָף איז ניט ווייט!

פרעמדע מחנות אונטערוועגנס
וועלן זיך צעגיסן
ווי אַ פייערדיגער רעגן
איבער דער ערד,
זיי וועלן פאַרפלייצן היים און הויז,
וועלן באַזעצן טורעמס און טויערן
אין אונזערע אייגענע מויערן....

גאָטס רוט איז אויסגעצויגן,
דער משפט איז אין זיין האַנד,
און ער איז גרויס!

*

שאַרל דער אַכטער פאַר די טויערן פון פלאָרענץ,
מיט דער העזה פון אַ זיגער,
מיט אַן אָפּענער שווערט,
רייט ער און זיינע קריגער אַריין אין שטאָט.
פלאָרענץ איז גרייט און זי באַראָט,
אין תמימות גאָטס שמיץ אויף זיך צו נעמען...
„וויוואַ לאַ פראַנציאַ!"

סאַוואָנאַראָלאַ פריידיקט, ער איז מתפּלל:
„אָ גאָט, פאַרגיב זיי, דיינע קינדער
זיי ווילן זיין דיין און ווייסן ניט ווי אזוי...
זיי טוען תשובה אין שיין פון דיין ליכט" —

און צום עולם געריכט:
„גאָט האָט פאַרנומען אייערע תפילות
און גרויס איז זיין רחמים...
ווי' צו די זינדיקע !"

אַ געשפּענצטיקטע ווירקליכקייט
פאַראומערט די גאַסן,
דער מאַרש פון פרעמדע סאָלדאַטן,
פּאַדקאַוועס, שפּאַרן און שריט
פון באַלאַגערער אין דער מיט פון שטאָט.

דער פריאָר דזשיראָלאַמאָ איז מתפלל ביחידות,
ער גרייט זיך אין וועג, זיין מחנה
פּיעטראָ קאַמפּאַני, דער געטרייער פּאַטריאָט
איז מיט אים.
„איך וועל לאָזן שמעטערן מיינע טראָמפּעטן",
זאָגט שאַרל צו די שליחים.
— וועלן מיר קלינגען אונזערע גלאָקן,
קאַמפּאַני ענטפערט אויף גיך ,
ניט דערשראָקן
נאָר ברודער דזשיראָלאַמאָ
נעמט אַרויס זיין איקאָן
און דערקלערט :
דאָס איז דער וואָס האָט געמאַכט הימל און ערד,
ניט פאַר מיר איז דער כבוד,
נאָר פאַר דעם מלך מלכי המלכים,
וואָס איז דער האַר איבער אַלע האַרן,
דער וואָס מאַכט די ערד פאַרציטערן לויט זיין ווילן,
וואָס באַשטראָפט און צושטערט ווידערשפּעניגע און אומגערעכטע מלכים,
זאָס וועט דעסגלייכן טון מיט דיר און דיינע חילים,
סיידן דו וועסט אויפגעבן דיין גרויזאַמע כונה
אַנטקעגן דער שטאָט פלאָרענץ.
ווייסטו ניט אז עס איז ביי גאָט אַלץ איינס,
צו געווינט ער זיין נצחון מיט ווייניג צו מיט פיל ?
האָסטו פאַרגעסן וואָס ס'איז געוועזן זיין ציל און זיין משפּט
מיט'ן שטאָלצן סנחריב, דעם מלך אשור ?
און ווען משה האָט אויפגעהויבן זיינע הענט
האָט זיין פאָלק מנצח געווען,
האָט ער די אַראָבגעלאָזט האָט דער שונא גובר געווען... ?

דער קעניג טרעט צוריק, ווערט בלייך
דער שרעק לעמט אַלע גלידער
באַזעצט זיך אין מוח
און ווי אין פיבער איז ממשיך דער פריאָר פון סאַן־מאַרקאָ:
זיי ווייסן, קלאָר איז גאָטס ווילן —
דו ווערסט פאַרלאָזן די שטאָט פלאָרענץ
אָן שנויים,
זיי מטהר האָרץ און געוויסן,
צו זיין ריין און צו זיין ראוי
צו דינען אים פאַר אַ קנעכט...

*

שאַרל דער אַכטער האָט פאַרלאָזן פלאָרענץ.
סימבאָל פון נצחון פאַר דער יונגער רעפּובליק
שטייט דוד מיקל אַנדזשעלאָס
דעם שטאָל פון זיגער־בליק אין אויג,
פאַר די טויערן פון דער סיניאָריאַ
עלאַסטישע שפּאַנונג אין יעדן גליד,
באַוועגונג און שוואונג אין שריט.

*

פלאָרענץ ווערט דערוואַקסן,
ווערט גרייט,
אַ כלה פאַר דער חופה
מיט אַלע נסיונות...
דער שניט איז גאָלדן אין פיעזאָלע,
די פעלדער בליען,
אַ יעדער גליד פון איר פּרעכטיגן גוף
אויסגעשטעלט
אויף שטורעם און שטראָף...

*

שייטערהויפן ברענען,
הבלים רויכערן זייער קרבן צום הימל,
ווי אין אַ בייזן חלום
לויפן בירגער מיט צעשראָקענע פּנימער
איבער די גאַסן.
און באָטיטשעלי פאַרלאָזט זיין ווענוס אויפן ברעג ים,
דעם ריטמישן טאַנץ פון די גראַציען אין פּרימאַ־וועראַ
אונטערן הימל פון טאָסקאַנאַ
מיטגעריסן פון דם וואש־סאַוואָנאַראָלאַ,
אין באַן פון דאַנטעס פּורגאַטאָריאָ
פינצטערן שאָטענס די פלאַם פון שאַפן,
פאַרטיפן און פאַרראַטן זיין גלאָריע...

אלי ! אלי !
אין דער נויט פון זיין גסיסה
רופט ישו פון נצרת
אלי ! אלי !...
אין מיטלפונקט שטייט דער מענטש !
בצלם אלהים,
שטאַרקער ווי דער טויט.
מיט הערקולישער קראַפט
וואַרפט דער מענטשן־זון ווייט אַוועק
דער מאַרמאָר איבער זיין מיטה
און שטייט פאַרזונקען אינמיטן
פון די מענטשן אַרום אים —
„אלי ! אלי...!
אַלמעכטיגער גאָט, אין הימל און אויף דער ערד,
דו ביזט איינזאַם און ביזט גרויס,
דיין וועלט איז שיין און איז שרעקלעך,
און דאָס הויז פאַר דיר איז אייביק אין ווערן...“

אין מיטלפונקט שטייט דער מענטש...
ווי גאָט האָט געוואָלט,
אין דער הערלעכער נאַקעטקייט פון גלידער,
אין שטראַפן שפּיל פון מוסקלען,
אין דער מוזיק פון באַוועגונג,
אָן שלייערס,
בצלם אלהים.
מיט גיגאַנטן שריט שפּאַנט דער ריז
מיקל־אַנדזשעלאָ,
דער יורש פון אַלע וועלטן
איבער אַלע מדרגות פון מענטשליכער אמונה,
שלעפעריגע פּוינס און געטלעכער דיאָניזוס
מיט כּוונה איינינעם מיט מאַריאַ,
דער מעכטיקער מענטשן־מוטער
פון זון פון מענטשן !
ניט אַ בת־מלכּה פון הימל
נאָר אַ טאָכטער פון דער ערד,
אַ מוטער פונם מענטשן.

אין מיטלפונקט שטייט דער מענטש.
אין מעכטיקער נאַקעטקייט,
ווי גאָט האָט געוואָלט,

אלע הימלס־געוואלטן זיינען אין באוועגונג
והאלגערן זיך ווי א מאנטל
אונטער גאטס טריט,
שטורעמס פילדערן פון רעכטס און פון לינקס
און דער וואָרן־פינגער אין דער מיט
צווינגט מיט קאָנצענטרירטער געוואַלט
די געשטאלט פון אדם צום לעבן.
און זי שטרעקט זיך ווידער,
די שרעקלעכע האנט
פון באשעפער.
שלאפט אדם אין וואונדערלאנד
און פאמעלעך געשפאנט דערהויבט זיך
דער סילועט פון חוה
אין ווייבלעכער הכנעה,
איינגעהילט אין ווייכקייט,
אין תפילה, צו דער אלמאכט פון גאט.

און שטאַרקער, און מעכטיקער
ווערט גאט אין זיין יצירה,
ווען ער באשאפט די ימים
און פארפעסטיקט די ערד,
ווען ער צושיידט דאס ליכט פון דער פינצטערניש
באשאפט חיות און בהמות
און גראז וואס דערנערט.
גאט ווערט געשטייגערט פון טאג צו טאג
און אלץ איז און ווערט פארמערט
מיט געטער אויך געצן,
דער אלימפ און בעל...
ער שפאנט
דער מלאך מיכאל איבער מעשי בראשית
אין שיר המעלות
איבער אלע טרעפ...

*

די סיקסטינישע קאפעלע געפינט זיך אין רוים —
צו איז עס גאר פלארענץ...?

ער האט ניט פארענדיקט זיין ווערק,
גאט האט ניט פארענדיקט זיין וועלט...
און צו גאטס כבוד האט ער געוואלט
אויסטעסען בערג...
...ער האט ניט פארענדיקט זיין ווערק...

## בעל־בק

דער וועג איז שאַרסטקע,
ער איז טרוקן,
און אינמיטן ליגט דער מדבר,
די סיפּורים אויף זיין רוקן
זינגען זאַמדן אָן אַ חיבור.

אפילו הויך ביז צו בעל־בק
זיינען קלאַנגען שוין דערגאַנגען
און די געטער ווייזן תּרבות,
חרוב ליגן די פּאַרלאַנגען.
ווי מיר לייענען אין די שריפטן
בשם בעל דעם גרויסן גאָט,
לויט בפירוש׳ע באַריכטן
איז ער די זון און איר געבאָט.

און הויך אויפ׳ן באַרג לבנון
איז דערהויבן יענער טאָל
וואו געוועלטיקט האָט משונה
אַ גרויסער תּקיף האַרט ווי שטאָל.
נאָר ווער ס׳איז אויסן צו דערגיין,
סוף כל אדם איז סוף כל בעל —
ס׳האָט געפּראַוועט נאָר פאַטאַל,
מולך, אויסגעטאַקט אין שטיין,
אין ווייסן שטיין און גאָלע גאָלד
פון מאַמוטן אויפגעשטעלט נאָך פאַר׳ן מבול.

שטייט דער טעמפּל, און יעדער שפּאַלט
פּלוידערט אויס מיט אַ פּאַראַבל
ווי עולמות פאַרציטערן
און ס׳ווערן וועלטן טרעכטיק,
יסודות צו דערשיטערן
זיין כח גברא איז מעכטיק,
שטומע גבורה
זיין זונען־געטליכקייט,
קוועלט פון זיין צורה
תמימותדיק שטיל־פרום

אַ גרויזאַמע פרייד.
און לעבען אים שטייט עשתורת, די מוטער,
געוואַלט פון געבערן, פון ווערן
אין געטליכן שויס,
פולבוזיק און פּרעכטיק
און שטענדיק איז טרעכטיק
איר געטליכער לייב.
און תמיד באַקליידט מיט זאַנגען, מיט פּרוכטן,
און שטענדיג פאַרשפּרייט זי
תאווה און לוסט,
קיום און טרערן
פאַרצירן איר געטליכע ברוסט.

וויין־באַקראַנצט טאַנצט ער,
זייער ביידנס זון תמוז,
פריי און צולאָזן אין טויזנטער פאָזן
טאַנצט באַכקוס און פּאַן,
און תמוז אפילו, דער גאָט פון די וועלדער,
דער שטעכיגער קאַקטוס שטרעקט ליברייך די דערנער,
די פליישיקע בלעטער,
געשפּיזטע מיט הערנער,
זיי שיצען און שטיצען פאַר שטויב פון דער גאַס.

אַ ליבלינג פון געטער
אַ גאָט פון די טויען,
דרינגען אין פאס דער זאַפּט פון לבנון
איז קיל און איז נאַס,
פאר דיר, דו פאַרשייטער,
פריילכער שפעטער,
דו אייביג באַנייטער,
וואָס טרינקט אָן אַ היתר.

בעל־בק איז מעכטיק
און בעל־בק איז גרויס,
אויף זיילען געבויט שטייט אַ מזבח
אינמיטן פון הויז —
ווייררויך וואָס גיסט זיך,
פון בשמים אַ ריח
פאַרשכורט די זינען,
פאַרנעפּלט דעם מוח.

פראַוועט אַ כהן,
און הייס איז די תפילה,
מלא כוונה בראש פון קהילה:
„אַ אייביגע שפּענדער פון לוסט און פון לעבען
פון גוף און פון מאַרען
אונזער ווילען פאַרבענמט
און בענטשט אונזער שטרעבן,
מיר הערן אייער רוף—

ברוין־גאָלד און פרום,
די אָרעמס דערהויבען,
דערפילען מיר שטום
באַקראַנצטע אין טרויבען
דעם געטליכן זין אין געהויבענער ברוסט,
מיר גליען אין פלאַמען
און גיסן זיך צוזאַמען
אין רויטער אין רוישיגער לוסט...

האַלבערנאַכט אין ראש־חודש
ציטערן די בערג.
קרבנות, עבודה
פון ריז און פון צווערג,
אין נעכט פון לבנה
פאַרפלייצן די וועגן,
אין הייסער אמונה,
ווייבען עולה רגל
יונגפרויען, בחורים
פול ליבע און תאווה,
גרייט איר צו דינען
מיט עניוות צו גאווה,
דער ליבער, דער פרייליכער געטין
פון הימלישע, ערדישע טריבן.

און תמוז פאַרויס, בעל'ס געטליכער זון,
צוגליט ווי א רויז,
ווייבעקראַנצט טאַנצט ער,
שפּילט אויף זיין פליט,
זיין געטליך דיאָניזיש
זיין הערליכע פרייד....

שפרייט זיך זיין שם
איבער לאנד, איבער ימים,
וואקסט זיין פארנעם,
פרעגט ניט פון וואנען—
בפרט פליען אים צו
ווי פליגן צו האניג
די ווייכע הערצער פון פרויען.

און די ווינטן ווי זיי שפילן,
ווי זיי קומען און פארשווינדן,
און זיי וויען און זיי קיהלן
זיין ראזע צוגליעטן שטערן—

און אלע דריי זיינען נאר איינער
און איינער איז דריי...
און דער דריטער, ער איז פאך
דער אייביגער המשך פון געטער,
פון מענטשן.

געבענטשט און דאך ווידערשפעניג
און אייביג, אייביג פאראן,
דער וואונדער אין וואכן,
און אויסטערליש טיפן פארגעסן...

פארן שיפן אויף די ימים,
דערציילט פון דעמאלט אונז דער מער
ווי דער ווינט ער איז געשטאנען,
א שיף געבלאנדזשעט, אהין און אהער—

עפיטערזעס פון גריכנלאנד
און נאך אנדערע זיינען עדות
ווי די שיף האט קוים דערלאנגט
צו פאלאדעס אן אבדות.

ציפרעסן זיינען שטיל געשטאנען,
און די לבנה האט געווארט
שטערן פארהאלטן אין די באנען
שטיין געבליבן, ווי פארשטארט.
און ווען א קול האט אויסגערופען
„דער גרויסער פאן איז טויט!"
צו פון מזרח צו פון צפון,
איז די לבנה געווארן רויט

און אַ יללה איז געוואָרן,
אַ וויגעשריי אין וואַלד און פעלד
האָט געהילכט אין די אויערן
געכליפּעט אין אַיעדן צעלט —

אפילו איבערן הר מוריה
האָט גאָט ברוך הוא זיך צוגעווענדט
צו יחזקאל זיין שליח,
גענומען אים פאַר בײדע הענט,
אליין געוויזן ווי זיי וויינען
די טעכטער פון ירושלים
ווי זיי וויינען איבער תמוז,
איינגעבויגן אין דרייען,
מיט באָכן טרערן ממש
די טעכטער פון ירושלים!

קומען נייע צייטן,טראָגן נייע צייכנס
באַלד בהקיץ, באַלד אין טרוים,
רייט אַ וואונדער גלייך פון רוים
די אייביגע געטער פון אָלימפּ
יופּיטער, יונאָ און מערקוריוס,
וואָס זיינען זיכער ראוי
און זיינען גאָר געשווינד
צו פאַרבייטן בעל־בק אין העליאָפּאָליס.

און זי האָט ניט קיין גרענעץ
יופּיטערס געטליכע גבורה,
וואָרן טרייסלט ער די לאָקן
אין הייליקן צאָרן
ברעכט אויס אַ שטורם
מיט דונער און בליץ!
די וועלט ווערט דערשראָקן
פאַר זיינעם אַ געביץ
און בעל מוז פאַרלאָזן זיין הויכן זיץ.
בטבע אַ קוואַל פון חסד און גענאָד
וואָס שפּענדט און וואָס שיט פון זיין געטליכן האָרן
זיין ליבשאַפט, ער שענקט זי
ניט נאָר צו פרויען פון געטליכן שטאַם,

נאָר אויך צו יענע פון מענטשן־געשלעכט
דערגרייכט זיין געטליכע פלאַם...
לעדאַ, זעמעלע
ווער ווייסט אַלע קוואַלן
פון געטליך געשטילטע, דערפילטע פאַרלאַנגען ?
און גאָט איז גערעכט...

אָבער יונאָ, די געטליכע עקרת הבית
די צנועה פון געטער־אָלימפּ,
דערגייט אויס טויזנטער ראיות
ווי שווער ס'איז די געטליכע זינד...
מיט טויזנטער אויגן איז וואַכזאַם איר ראיה
מיט אויערן טויזנט די שמיעה,
אויף אירן אַ ווונק קומען געפלויגן
עריניעס און פוריעס און שליסן אַ רינג
און ברענגען די זינד צו דער תליה...

נאָר מערקוריוס !
פלינק איז מערקוריוס דער זיסער שליח,
פליט,
איבער בערג, איבער טאָלן,
איבער לענדער, צו פעלקער
גייט שטענדיג זיין וועג.
דערנענטערט, פאַרבינדט,
פאַרבייט און פאַרשווינדט...

נאָר אפילו די געטער זיי זינען ניט אייביק...
סיידן אין גענאָד פונם מענטשן —
נאָך אַנדערע בעל'ס זינען בעלנים
אויף בעל־בק צו העליאָפּאָליס
און טראָגן אַ שטאַרקע אַ שטילע כונה
צו דער פרוכט־געבענטשטער, קאָרנגעקרוינטער ליבלעכער כלה
פון הויכן באַרג פון לבנון,
וואָס קניט אַלץ נאָך באַנומען צופיסנס פון בעל...

באַפּרייט אויפסניי דער גרויסער קאָנסטאַנטין
אויף אַן אַנדער מין אופן,
רוים איז מחדש אַ נייע ליטאַניי
(די אָלימפּיער פליען)

מיט רעש און געדודער
זיצט באַלד דאָרטן ווידער
פֿאַר אַ נייער אייביקייט
אַ הייליגע דרייאייניקייט....
גאָט־פֿאָטער, די יונג־פֿרוי מאַריאַ,
און ישו זייער געטליכער זון —
אָבער אַלע דריי זייַנען נאָר איינער,
און איינער איז דריי...

מיט פֿייַער און שווערט
קומט מוחמד
דער איינציקער נביא פֿון גאָט———
פֿאַרטרייבט און צושטערט יעדן בבל פֿון פֿריהעריקע געטער
דערוויַזט זייַן געבאָט.
ער בויט פֿון בעל־בק אַ פֿעסטונג —
גאָט איז נאָר איינער !
זייַן איינציקער נביא מוחמד !
איז טאַקע אַ פּלא,
וואָרן גאָט איז דאָך איינער און איינער איז דריי...

זכר׳ס און פֿראַגמענטן !
זיילן, פּיעדעסטאַלן,
דער מזבח פֿון די בעל׳ן,
אַלץ ליגט אין חורבות.
קרבנות און שפּענדער,
קאָרינטישע קאָלאָנען,
זיילן־גענג און האַלן,
אַלע דערמאָנען, אַז אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן.

און וואָלט מען איך ווידער אויפֿריכטן
מעכטיקע עדות פֿון עבֿר,
דעם מזבח און די תּפֿילות,
דעם אָרון און די טורעמס,
וואָלט מען די דינער צוריק־רופֿן
און בעל וואָלט ווידער פֿאַרנעמען זייַן אָרט,
וואָלט ער דערקענען דעם גלאַנץ פֿון שטייַן
וואָס שטראַלט צופֿאָרט —
די גלות און ליכט אין אונזער געביין,
וואָס פֿירט אונז דאָך צו פֿאַרניכט...

דיין שווערקייט ציט, דו זיסע שווארצע ערד,
דיין שווערקייט צערט,
צו דיין שווערער טרעכטיקייט
איז באהאפטן יעדער גליד,
פון דיין ערך און וואגיקייט
אויסגעקאוועט יעדער שריט...

וואנדער איך ביינאכט צו חצות
איבער גליווער־בלויע גלעטשערס,
איבער גרין־טיף קלארע קוואלן
און פארבלאנדזשעט אין א קרעטשמע
וואו ס׳טרעפן זיך שאקאלן,
וואו ס׳הערט זיך א פארוואס.

פון קליפן שטורצן וואסערפאלן,
גלייך ס׳וואלט גארניט ניט געשען,
ס׳וואנדערן בערג, און הימלען פאלן,
ירושלים בייגט זיך פאר אטהען...

## שטיינער דערציילן...

און איינמיטן ליגט די מדבר...
און דער עמק און די חולה
זאָמדן זינגען, זינגען וידוי
און הוילע בערג און דוד׳ס קללה — — —

בייזע שטורמען און די ווייען,
דער ים התיכון און בארג חורב,
פאַלמען און אין זיי די אלים
אל נקמות און עם קשה עורף — — —

פאַרשיטע קוואַלן,
אויסגעדרונען טיפע ברונעמס
חורבות און שאַקאַלן
און אַ גרויסער ים פון דיונעס...

— — נאָר דאָריידן שטיינער...
חיות, פויגל אויפ׳ן הויכן קול,
האָט אַ מלך אונז מיט ראיות
אויסגעטייטשט אונז זייער עול — — —

און בערג,
אפילו זיי דערציילן
פלאי־פלאים,
מעשה׳לעך פון טויזנט און איין נאַכט...
הרי אפרים און דער הר תבור!
זיי געדענקען דאָס נאָך יענעם דור
וואָס האָט אין אַ נאַכט
אַ שלאַכט געוואונען...

צו לפידות וויב, צו דבורה הנביאה
איז געקומען יענע זעאונג
אַ העלע פלאַם איינמיטן נאַכט — — —
יענע אויסטערלישע זכיה...
זי האָט לגמרי ניט געטראַכט,
באותו רגע צו זיך גערופן
דעם יונגען זון פון אבינועם.

האָט פאַרנומען די נבואה
דער יונגער זון פון אבינועם
און האָט זיך מורא׳דיק דערשראָקן
ביט געגלויבט, אַז ער איז ראוי
ער האָט פאַר שרעק די הענט פאַרבראָכן...

און דבורה זי איז געשטאַנען
די גאָלדענע האַרף אין ביידע הענט,
אויגן — ברענענדיקע פלאַמען,
ברק האָט זיך צו איר געווענדט;

און ס׳זיינען זיינע ווערטער
געפאַלן מילד, געפאַלן שטאַרק,
שווערע טראָפּנס אויף אַ הייסן שטיין;
„נאָר אין דיר איז מיין גבורה,
אויב דו גייסט האַן בין איך שטאַרק
ליכטער שטראַלן פון דיין צורה,
מיט גאָט, מיט דיר גייט אויך ברק...

און געגאַנגען איז בנימין
און מיט זיי דער שבט ראובן,
און יששכר און זבולון,
און זיי פאַרויס ברק — —

די ערד האָט געציטערט
ווען גאָט איז געגאַנגען,
הימלען זיינען געפאַלן,
וואָלקן האָבן געוויטערט
די וועגן האָט דער רעגן פאַרפּלייצט — —

און סיסרא איז געפאַלן...

*

און די שטיינער זיי דערציילן:
אין אַ טיפער טונקעלער נאַכט
שטיינער גרויסע, שטיינער קליינע
האָבן זיך ממש אומגעבראַכט — —

ווער איז ראוי צו דער זכיה,
ווער איז ראוי יענע נאַכט
פאַר אַן אָפּרו אים צו דינען,
פאַר אַן אָפּרו נאָר איין נאַכט,
פאַר איינעם נאָר! פאַר יעקב אבינו...

און געלעגן איז דער אייבער,
נאָר געלעגן, ניט געטראַכט
און גע׳חלומ׳ט מיט די שטערן
און געפּליסטערט און געוואַכט:
„איר זאָלט אייך מערן... איר זאָלט אייך מערן...״

און די לייטער האָט געגרייכט
ביז אין מיט פון סאַמע הימל,
מלאכים זיינען אויפגעשטיגן
און געגידערט צו דער ערד,
מיט די פליגלען ניט געפלויגן
און זיין חלום ניט געשטערט.

און דער גלאַנץ וואָס איז געוואָרן
ווען איבער יענעם האַלבן דרימל
זיינען פלוצים אויפגעגאַנגען
טויערן פון הימל...

*

צי יענער איינער גרויסער שטיין
ער האָט געזאָטן אַן אַן אויפהער,
סתם געזאָטן אַן געוויין
הייס און טרוקן אַן אַ טרער,
איב׳ם חצר פונ׳ם מקדש
ווייל די בלוט האָט ניט גערוט...

ראה ה׳ והביטה למי עוללת כה?
זע, גאָט, צו וואָס מיר זיינען דערגאַנגען,
אַז פרויען עסן די פרוכט פון זייער לייב!

האָט אַ בת־קול געענטפערט פונ׳ם הימל:
„ואם יהרג במקדש ה׳ כהן ונביא?״
דערציילן דאָס די זקנים,
פון אנשי ירושלים איינער:
„פון די קנעכל צו די ציינער
באַדעקטע מיט כלי־זיין
און ווי פיילן פון אַ בויגן
אַזוי ווי זאַמדן פון דער מדבר,
האָבן זיי זיך אויסגעשאָטן — —
נבוזראדן מיט זיינע געטרייע״.

גאָט׳ס צאָרן, ער איז אַלץ געשטיגן
מיט פייער, מיט פאַראַדן
און מיט געצוקטער שווערט
האָט דער באַצווינגער פון ירושלים נבוזראדן
דערפילט זיין געבאָט — —
געברענט און צושטערט.

דאָ אין דעם דאָזיגן טאָל
האָבן געטרעטן דעם קאָרן
נבוזראדן׳ס געטרייע,
זיבעצן געשאָכטן געוואָרן
צוויי הונדערט טויזנט מיט אַמאָל,
און אין ירושלים
ניינציג און פיר טויזנט
אויף איין איינציגן שטיין...

און שטום איז דער שטיין געווען
האָט געטרונקען די בלוט און געשוויגן — —
דער שטראָם איז געגאַנגען רויט און שווער
אָן געזאַנג און אָן קלאַנג
און אָן אַ טרער —
און האָט פלוצים דערלאַנגט
צום זודיגן קוואַל
צום בלוט פון זכריה הנביא.
זי האָט ניט גערוט די בלוט — —
געקאָכט, געזאָטן און געשטיגן צום הימל.

איז נתפעל געוואָרן נבוזראדן,
גערופן די זקנים און גענומען פרעגן,
געפלאָגט מיט חשד'ן און געזוכט,
צו וואָלט זיך ווער דערוועגן צו דערציילן.

„בלוט פון בהמות, האָבן די אַלטע געזאָגט,
פאַר קרבנות געשאָכטן אויף דעם דאָזיגן שטיין
זידט און איז עולה צום הימל — —"
—ברענגט בלוט פון בהמות, וועל איך פרובן דערגיין,
האָט גע'טענה'ט בבל'ס קנעכט, — —
ניט געווען צו דערקענען קיין סימן,
און ניט געקומען קיין צייכן...

האָט נבוזראדן זיי געזאָגט:
„וועט איר אויסזאָגן,
און איך וועל דעם אמת דערגרייכן
וועט מיין רצון צו אייך געמילדערט ווערן,
אויב ניט וועל איך קעמען אייער פלייש
מיט אייזערנע קאָמען — —"

האָבן די זקנים גענומען דערציילן
און געהאַלטן אין צאָמען זייער קלאָג:
„אַ כהן איז געווען צווישן אונז
אַ נביא אין בית־המקדש,
ער האָט אונז געשטראָפט פאַר די זינד
אויף אונזערע הענט,
זיינען מיר אָנגעפאַלן אויף אים,
מיר האָבן אים געפענט,

און אומגעבראַכט אים אויף דעם דאָזיגן שטיין — —
פון דעמאָלט אָן האָט דער שטיין,
האָט די בלוט ניט גערוט...
כמה יאָרן קומען, כמה יאָרן גייען
ווי אונזער געוויין,
די בלוט האָט ניט גערוט"...

„איך וועל אים איבערבעטן,
האָט נבוזראדן געזאָגט — —
און מ'האָט גענומען גרייטן,
ברענגען די גרויסע סנהדרין און די קליינע
געפּלאָגט זיי און געשאָכטן אויפ'ן שטיין — — —
די בלוט האָט ניט גערוט — —
יונג־פרויען, בחורים, קינדער פון חדרים,
די בלוט האָט ניט גערוט — —

„זכריה! האָט נבוזראדן אויסגערופן,
די בעסטע פון זיי
פון אַלע מדרגות, פון אַלע שטופן,
האָב איך אומגעבראַכט,
זאָלן זיי אומקומען אַלע?
מיט זייער גאַנצער טראַכט?!"

— — — — — —

תיכף האָט דער שטיין,
האָט די בלוט גערוט...

## ווינט אין עמק

און פון עמק שפּרייזט אַ ווינד
כלומרשט אין אַ ווילדן צאָרן
שטויסט די כוואַליעס און צוצינדט
ווייסע פלאַמען אויפ'ן שטערן.

און מיט אויסגעגלאַנצטע שפּאָרן
קומען ברויזיק נייע אָן,
לעשן, צישן און פאַרווישן
צייט און צאָל,
בעת'ן ראַנגלען זיך אין שרעקן
פון טויזנט איבערקערענישן.

שפּרייזט אַ ווינט מיט נאַקעטע פיס
מאַכט אַ וואַרע אויף צוריק,
ציקט זיך ווי אַ שאַרפער שפּיז
היפּערט איבער אַ פאַבריק,
וואַרפט זיך מיט אַ לייכטן שוואונג
אויפ'ן רוקן פון אַ פעלז
און מיט אַ ווילדן שפּרונג
זיצט ער פּלוצים טיף אין טאָל...

דאָ ווערט ער צערטליך מיטאַמאָל
שטיפט אפילו מיט ציפּרעסן,
אַקאַציעס רייסט ער ממש ביי די האָר,
אַ ריפּן־שטויס דעם יונגען אייקאַליפּטוס
און אורן ירושלמי שושקעט ער אין אויער
פאַרשייטע סודות פון אַמאָל...

נאָך פון דערווייט, פון באַרג גלעד
האָב איך דערזען אים און דערקענט,
הגם ער האָט זיך אויסגעפּוצט
מיט איבער טויזנט פליגלען,
און האָב געזען אין אַלע הענט
ווי עס ברעכן זיך די זיגלען
און פאַרשיטן זיך מיט רחבות
איבער באַרג און בוים,
גראָז און גרין
און אגב אורחא איבערן יעדן מין
פון אַ גראָד באַנייטער וועלט.

## ברעג אין תל אביב

צו מיטאָג גליט דער זאַמד ווייס
אין תל־אביב
און דער שטראַנד ליגט שאַרסטקע
הייס,
אַביסל פויל ציט אַ שיף
פון גאָר אַ ווייטן לאַנד
מסתמא...

וואַרפט אַן אַנקער אין נמל,
סירענעס פייפן ווידערהאַל,
דער ים אין בלויקייט בלאַנקט,
שלאַנגען ווייסע קושן דעם ברעג,
גרינע אינזלען טאַנג
טשעקן דעם זאַמד
אין שטילער הכנעה,
לויפן אַוועק און קומען צוריק
און ליגן אין וויג פונ׳ם מיטאָג...

פאַר׳עקשנ׳ט פרעציז
קלאַפּט האַמער און צוואַנג
שניידט אויף אַ ריס
אַ פאַרלוירענע באַנק,
פּלאַצט אַ ווידערהאַל,
פּלאַצט אַ ווידערהאַל...

דיונעס ליגן הייס און צוריסן.
גאָלדן, גאָלדן גליצערט דער זאַמד,
צוקלומפּט, צוביסן
שטייגט אויף אַן אָפּהאַנג גאַנץ שטיל,
זשאַווער־צושויבערט, ווייסליך־געפּודערט
סטערטשעט אין וואַנט אַ קייל פאַר אַן אַנקער...

## דא זיינען אלע מויערן

דאָ זיינען אַלע מויערן נאָענטע קרובים מיר
מיט אַלע טונקעלע עבר׳ס אין זייער האַרץ,
שטיל זיינען אַלטע טויערן
אין זייערע אַנגלען אויפגעגאַנגען,
ווען מיין ווייכער שריט
האָט שווער און שוואַרץ
און שטאַרק פאַראַנקערט אין צוריק
אַ שווער געצייכנט מיט אַ טריט...

האָט דאָ מאַנכער שטיין
נאָך שטאַרק פאַרוויט
אויפגעגבליט מיט אַ געוויין
און מאַנכער בוים זיך ניי באַקליידט
מיט יונגען גרין ווי אין אַ טרוים
און ברוינע ערד זיך ניי געטרענקט מיט זאַפט
כדי פרום מחדש זיין
שטיל־באַנייטע קראַפט.

## שטורעם איבער ירושלים

יאָרטויזנטער האָבן אין דיין שויס געשלאָפן
הייליקע ערד,
דו האָסט געוואָרט און האָסט זיך ניט געווערט,
ביז ס׳זיינען אָפּגעלאָפן
אַלע רעדער פון פאַרניכטונג,
אַלע ווייען פון פאַרוויסטונג איבער דיין צעהיקן לייב.

שטורעמס יאָגן איבער ירושלים
וואָס וואַרפן מיט שטיינער
און שפּייען מיט פייער — —
דעם שטח פאַרדעקן טרוקענע ביינער
פון מדבר פאַרטראָגן.

כמאַרעס פאַרדעקן די זון,
יאָגט איינע געלאָדן פאַר זיך, באַזונדער
וואַרפט זיך אויף אַנדערע ליכטראָזע, ריינע
פאַלט אָן
און צושפּאַלט זיי מיט געוואַלטיגן קראַך!

פענצטער און לאָדן הרימען.
באַלקן און בלעכן באָמבלען פון דאַך,
שאָסייען און טראָקטן יאָגן צושראָקן
ווי פעכער פאַרטרוקנטער סכך
פאַרלעגן די גלאַטיגע רוט — —
וואָגן און רעדער ליגן געבראָכן
אויף אַ פאַרוואָגלטן ראָג — —
און שיידן פאַנאַנדער די כמאַרעס
און גיסן געגליווערטע גלאָז אין די אויגן,
די וועגן באַפּעלקערן מראות,
דער האָריזאָנט אויסגעצויגן
בליצט שטראַלנדיג ווייס!

מיט זודיקער פאַרע סאָפּען די שטורעמס,
גליאיגע ברוסט פון דעם מדבר — —
און דערגרייכן די שטעט...

צושיטע לאַווינעס פון בלענדווייסן זאַמד!
צוציען די סטרונעס,
צאַמען און שפּאַנען
און רייסן פאַנאַנד!

זאַמדן פאַרווייען
שוים־ווייסע שנייען
פלעכטן און דרייען
אַ לויפנדיק באַנד — —

דער טויטער ים שוואַרצט!
די גרעלווייסע שוימען ווערן צושלאָגן
און גרימיק פאַרשטאַרצט
לייכט בלויער טירקיז!

דער שטורעם ווערט וויסט!
שפּריצט ווי אַ ריז אַריבער אַ באַרג
און מיט אַן עלאַן אַ פוס אין אַ תהום.

און אַט שטייט ער שטיל
אַ צופילדערטער שטראָם
און שטרעקט זיך אַ וויל
צווישן שטערן און שטערן...

# ירושלים

דיינע הונדערט טויערן, ירושלים, זענען געשלאָסן.
דאָס קדשי־קדשים איז דיינע היכלות קושט דעם הימל
און ציטערט בנשיקה אין דערוואַרטונג —
די פינסטערקייט, צוגאָסן איבער טויערן,
איז מעוברת מיט די מעגלעכקייטן פון דער וועלט.

דיינע בערג זענען הוילע;
צווישן קלופּט און קלופּט זיצן מענטשן
און זענען מטהר זייער האַרץ.
נישט יעדער איז זוכה, נישט יעדער איז עולה
צו דיינע הויכן —

אויף דער העכסטער וואוינט גאָט
און וואַרט אויף דער גרויסער באַנייאונג.

אומות העולם ציען זיך צו דיר;
יעדעס פאָלק איז מחדש אַ נעכטן.
מאַרגנס אַנטלויפן און שטייען פאַר דער טיר —
פאַר איר שטייען די גערעכטע אין דיין נאָמען.

אַלץ איז דיין ברוינער לייב, ירושלים, און איז צעהיג.
אַזוי זיינען די ברכות פון די מענטשן, וואָס בענטשן דיך.

אויף די הויכן פון די בערג פון יהודה
זיצן די טורעמס, וואו ס'קומען פאַר די משמרות פון דער נאַכט.

גאָט וואוינט אין שטיין
אַליין,
האָט פאַרלאָזן זיין ירושלים של מעלה
און ריכט אָפּ גלות ביז ס'וועט נישט אויפגעריכט ווערן
ירושלים של מטה...

אויף אַלע דריי נאַכטוואַכן פאַרציטערן די פעלזן פון זיין לייבן־געפּריל:
„אוי לי שהחרבתי את ביתי,
ושרפתי את היכלי,
והגליתי את בני לבין אומות העולם..."
וויינען די הימלען.
באַזעצט זיך פינסטערקייט אין די האַק־גאַסן
און מאַכט די וועגן אומזיכער.

דיינע שטיינער זיינען פֿאַרהאַרטעוועטע טרערן,
שטיין געבליבן אינמיטן וועג —
זייער לאַוואַ דערגייט צו דעם גרויסן שטיק
וואָס האָט דעם אָפּגרונט פֿאַרלייגט,
אויף וועלכן די וועלט שטייט...
דיינע קברים זיינען דיר נישט צו אייגן.

דו ביזט הייליק און קיל ירושלים,
שאַרף און דורכזיכטיק איז דער קרישטאָל,
די פֿאַרהאַרטעוועטע גלות פֿון דיינע תקופות.
די וואַסער־ציסטערנעס פֿאַר דיר האָט שלמה המלך געבויט,
אַציינד לאַשטשעט זיך וויין פֿון יונגע לעבנס אַרום דיינע מויערן,
פּלעכט זיך פֿון יונגע לייבער אַ בריק
און בינדט זיך ריינגוויין מיט דער קומענדיקער אייביקייט.

פֿון דער גרויסער טרעפּן־לייטער
וואָס האָט געפֿירט צו דיינע קרישטאָלענע הויכן
איז נאָר נאָך איינע פֿאַראַן ;
אַלע אַנדערע פֿירן אַראָפּ
צו געוועלבן, באַזאַרן, צום שוק :
דראַפּן זיך טויער־בויגנס, שפּיצן־געמויערטע באַלקאָנען
וואו ירושלים׳ס טעכטער האָבן אויף האַרפֿן געשפּילט זייער ליד פֿון טאָג.

אַלע יאָר־הונדערטער גייען אין דיינע גאַסן שפּאַצירן, ירושלים.
אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך אין קאַפּולעס פֿאַרקליבן,
אין קלויסטערס, מאָשייען, אין שולן —
איינע פֿון זיי האָבן קרייצריטער געצונדן,
בעת מיינע ברידער האָבן זיך פֿאַרבונדן
אין ברענענדיקן שמע ישראל מיט׳ן הימל...
זייער הייליקע אַש האָבן ווינטן געטראָגן אין אַלע פֿיר ווינקלען פֿון מדבר.

איבער אַלע פּנים׳ער בליצט ירושלים׳ס נאַכטיקער הימל.
אין בין־השמשות באַזעצט ער זיך נאַכט אויף נאַכט
אויף חורבות, פּאַלאַצן, אויפ׳ן גאַנצן געטומל אומפֿאַרגענגלעכקייט...

צען מאָסן שיינקייט זיינען אַראָפּגעניזערט אויף דער וועלט,
ניין פֿון זיי האָט צוגענומען ירושלים
און איינע די גאַנצע וועלט.

צען חלקים יסורים זיינען פאַראַן אויף דער וועלט,
ניין זיינען אין ירושלים,
און איינער אין דער גאַנצער וועלט...

ירושלים, ספר מיט זיבעציק זיגלען,
יעדער פון זיי אש להבה,
אַ גליענדיקער שטערן יעדעס בלאַט,
וואָס שרפ'עט די פינגער ביים איבערמישן.
דער נייער דור ברענט די פינגער
און מישט די פלאַמענדיקע בלעטער
אונטערן רויטן דאַרנבוש פון נייעם טאָג.

דיינע ברונעמס זיינען פאַרטרוקנט, ירושלים,
און דיינע ברענענדיקע ליפן מאַכן די וועלט דורשטיק.
הונדערט פנים'ער ווייזט דיין פנים אַלע טאָג,
סטאַדעס פאַשן אויף נאַקעטע פעלדער ווי ביים אָנהויב,
קברים ליגן שטומע אונטער געוועלבטע קופּל־דעכער,
רחל'ס קבר ליגט אויפ'ן וועג, כדי דאָס בת־קול פון איר געוויין
זאָל זיך טראָגן אין אַלע פיר ריכטונגען.

אַלע נאַכט פאַלן נייע שטערן אויף די בערג פון יהודה
און לייכטן ווי דערפולטע וואונטשן.
די גאָלדענע שטאָט פאַרפוצט אירע לענדן
מיט אָראַנזשן־צוויט און מיט בלענדן פון יונגען וויין.
אורן ירושלמי שעפטשעט דאָס טרוים־ליד פון ווידער־דערוואָכן,
גאָלדענע לייבן האַלטן וואַך ביי די טויערן פון הר־הזיתים,
וואו ס'רוען יענע, וואָס האָבן זיך פון דער דאָזיקער ערד ניט געוואָלט
אָפּשיידן.
טאָג און נאַכט היטן וואַכן די וואַנט פון ירושלים און איר יסוד.

דאָס יינגסטע ירושלים איז דאָס לעצטע.
עס איז אייביק.

## די אייגענע געבליבן...

איך שטיי איינע אַליין אינמיטן
צווישן אורהאַלט־הויכע בוימער,
טאָג פאַר טאָג מיט זיי געביטן
קליידער, מאַסן, וכדומה — —
און די אייגענע געבליבן...

זאַפטן, זאַמען און דאָס רוישן
פון ענינים און פון מאַסן,
פון שנויים און פון גאַסן,
אָפטמאָל פּוג׳ם טאָל פאַרטריבן — —
און די אייגענע געבליבן.

אַלע טאָג מיט זיי געקליבן,
שטראָל און שטילקייט, נאַכט און ים,
מורא׳דיג אַליין געבליבן
פון מדבר ציט אַ קאַראַוואַן, —
די אייגענע, די אייגענע געבליבן...

אָפטמאָל רעדט אַ שטיין צו שטיינער
און איך ווייס ניט זייער מיין,
כ׳הער זיך איין און וויל דערגיין
און שטיי מורא׳דיג אַליין...

האָבט זיך טיילמאָל קום איך גענטער — — —
בלאַנקע בליצן, צייכנס פליען,
מיט שרשים ווי ביים אָנהויב.
אַ פאַרוויינטער ברודער־קול
ווי ביים אָנהויב...

## אינהאלט


| | זייט |
|---|---|
| הקדמה | 3 |
| אין שטילע נעכט | 5 |
| ציימן בייטן זיך | 6 |
| פייזאזשן | 7 |
| געבערג | 8 |
| דאלאמיטן | 10 |
| אונטערוועגנס | 11 |
| לאנדאן | 13 |
| פאריז | 21 |
| ניו־יארק | 29 |
| א נאכט אויפ׳ן ים | 34 |
| ווין | 40 |
| פראג | 42 |
| פלארענץ | 47 |
| בעל בק | 60 |
| שטיינער דערציילן | 68 |
| ווינט אין עמק | 74 |
| ברעג אין תל אביב | 75 |
| דא זיינען אלע מויערן | 76 |
| שטורעם איבער ירושלים | 77 |
| ירושלים | 79 |
| די אייגענע געבליבן | 82 |